עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת
הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

קונטרס ב'

"רק תחזיקו עצמכם ביחד"

# תוכן השיחה

אלעס איז תלוי אין דעם!
מ'דארף אריין טאן כוחות אין דעם...
"ברב עם הדרת מלך"
אויף וואס שרייט מען שובבי"ם?
די דעת פון משה איז פארשטעלט...
דער רבי איז צווישן מיינע חברים!
א אמת'ער גוטער פריינד
א שפראך פון מקורבים צום צדיק
בכח זיין חבר, האט ער זיך גרעטוועט פון טייוול!
ס'איז א מעשה! ס'איז א לעבעדיגע זאך!
טראכט שוין נישט אזוי פיל – רעד צום אויבערשטן!
פשוט מתפלל זיין!

**הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0**

**© כל הזכויות שמורות**

**כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות**

**בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325**

**לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1**

**ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>20**

**גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765**

## מהנעשה והנשמע בקו "רוחא דחיי"

### שלוחת המועדים – חמשה עשר בשבט

בעזר"ה בימים הקרובים יהיה ניתן לשמוע שיעורים מעניינא דיומא בגודל מעלת יום חמשה עשר בשבט – לידת מוהרנ"ת, בשלוחת 6>6>3 מהכניסה למערכת

### הצילני מקליפת המן עמלק!!

לקראת ימי הפורים הממשמשים ובאים, יעלה לקו בשבועות הבאים, מדי יום שני וחמישי בשלוחה 1, קטעים מובחרים עם דיבורים נלהבים, לעורר הלב בתפילה וזעקה להשי"ת להנצל מקליפת המן ועמלק, ולזכות לקדושת מרדכי ואסתר.

### "טעמו וראו כי טוב" !!!

שלוחה חדשה נפתחה בקו, ובו עולים מדי יום ביומו טעימות מובחרות מתוך השיעורים, מעניינא דיומא ושאר נושאים במשנת רביה"ק, אשר רבים כבר העידו על תועלת וחיות עצומה שקיבלו מזה, בשלוחה 4>1 מהכניסה למערכת

(כמו"כ סדרנו מחדש את השלוחה של קטעים מובחרים מסודר לפי נושאים, בהוספת עוד נושאים מגוונים וקטעים רבים, בשלוחה 4>3 מהכניסה למערכת)

### הודעה ובקשה

בתקופה האחרונה התחלנו לסדר את שלוחת שיעורי החבורות בשלוחה 3 (אוצר של כ 1500 שיעורים) לפי סדר התאריכים, עם אפשרות לשמוע את תאריך מסירת השיעור, ונושאי השיעורים לפי הפרטים שהיו בידינו, כאשר לעת עתה סודרו השיעורים של שנות תשפ"ג, תשפ"ד, תשפ"ה.

אך היות שאנו רוצים גם לסדר שיוכלו לשמוע באופן מפורט נושא כל שיעור, **ע"כ אנו מבקשים מכל מי שיוכל לסייע בסידור הנושאים ולקחת חלק בהפצה וזיכוי הרבים, נא ליצור קשר במס' 0556741492 או בהשארת הודעה בקו רוחא דחיי בשלוחה 0.**

**המספר 02.3.02.47.43**

**באר"ב 605.477.6808**

# "רק תחזיקו עצמכם ביחד"

### גדולת נפלאות ה"אהבת חברים" בין אנשי הצדיק, הצעקה בימי השובבי"ם ולימודים נוראים ממעשה "חכם ותם"

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – כ"ד טבת תשע"ט]

## אלעס איז תלוי אין דעם!

ס'איז אינו דומה! ס'איז אינו דומה ווען יעדער איינער איז א יחיד פאר זיך, און ווען ס'ווערט איינס; ס'ווערט א קופקע, ס'ווערט א אחדות, ס'ווערט א קיבוץ פון נפשות - ס'איז א אנדער זאך אינגאנצן! ס'איז ממש.. ס'איז א חילוק פון הימל מיט ערד!

רבי נתן האט געזאגט פאר די הסתלקות[א]: **"איר זענט אנשים כשרים אבער איר זענט שלימזלניקעס"**, נאכדעם האט ער געזאגט, **"תחזיקו עצמכם ביחד"**, איר זאלט זיך האלטן צוזאמען!

---

**א.** מובא במכתב ההסתלקות בסוף ספר עלים לתרופה: "וְקֹדֶם אוֹר הַיּוֹם וכו' דִּבֵּר הַרְבֵּה כִּמְעַט כְּצַוָּאָה, וְכָךְ אָמַר: צְרִיכִים אַתֶּם לְהַחֲזִיק אֶתְכֶם בְּיַחַד בְּאַהֲבָה גְּדוֹלָה, וְאַתֶּם אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים, אֶלָּא שֶׁאַתֶּם שֶׁלֵּימְיזַלְנִיקֶים [שְׁלוּמִיאֵלִים]".

וראה ברוחא דחיי קונטרס י"ב (עמ' כ"ז): "וואס א שייכות האט די רישא מיט די סיפא? (דער 'זיך האלטן צוזאמען' מיט דעם וואס איר זענט 'שלימזל'ניקעס) - האב איך געטראכט אמאל: [ר'

וואס האט עס שייכות? (דער 'זיך האלטן צוזאמען' מיט דעם וואס איר זענט 'שלימזלניקעס') - נאר דאס הייסט: איר זענט טאקע "אנשים כשרים", אבער "שלימזלניקעס"... אויב מ'נעמט זיך צוזאמען, מ'האלט זיך צוזאמען - ווערט עס געטאפלט! ווערט א צירוף הנפשות! איז דער כח פון די נפשות אזוי גרויס, פי כמה וכמה. טאמער נישט איז 'שלימזלניקעס'; די זעלבע מענטשן, די זעלבע ארבעט, און די רווח איז ווייניג...

ס'איז א זאך וואס מ'דארף לייגן אויף דעם גרויסע כוחות - -

[**שואל:** מ'ווייסט דאך נישט פון דעם... מ'געדענקט דאך נישט פון דעם...] וואס הייסט? [**ש:** איך זאג; פארוואס איז די מציאות אזוי - ווייל מ'געדענקט נישט פון דעם, מ'ווייסט נישט פון דעם...] פארוואס ווייסט מען נישט פון דעם? [**ש:** מ'איז מחנך אין ברסלב פון אלץ קליין קינד אויף אסאך זאכן, אויף אהבת חברים איז נישטא אזא שטארקע...] פארוואס זאגסטו אזוי? ס'איז א גרויסער יסוד!

רבי אברהם ב"ר נחמן האט געזאגט[ב]: **"מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואס דער רבי וואלט געמאכט פון אונז, אז מיר וואלטן זיך געהאלטן צוזאמען"**, מ'קען זיך נישט פארשטעלן!

---

נתן זאגט אונז:] 'אתם אנשים כשרים', איר זענט ערליכע אידן - אבער איר דארפט זיך האלטן אלע צוזאמען, **אז איר האלט זיך צוזאמען, ווערט פון אייך 'ריבוי הבתים', מיליאנען מיליארדן... אז נישט, בלייבט פון דעם נאר וויפל איר זענט - זענט איר שלימזלניקיס!**

דאס הייסט שלימזלניקיס: א מענטש וואס פאר די זעלבע געלט קען ער מאכן מיליארדן מיליארדן, און ער טוט עס נישט, איז ער א שלימזלניק! אז ס'פעלט די אהבה (ביי אונז) מאכן מיר נישט די מיליאנען מיליארדן, וואס מיר קענען אין די צייט מאכן - איז מען שלימזל'ניקעס..".

**ב.** ראה בטעם זקנים קונטרס כ"ט (עמ' 1.1.): "איך האב געהערט - רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט **"מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען מיט אהבה"**! - "מיר קענען זיך נישט אויסמאלן וואס מיר וואלטן געקענט נעמען פונעם רבי'ן, ווען מיר זאלן זיך האלטן צוזאמען און האבן אהבה".

דעם רבין'ס ליכטיגקייט - רבי נתן זאגט[ג] אין "ליקוטי הלכות", אז דעם רבין'ס ליכטיגקייט איז צו א גרויסע ליכט אז ס'זאל קענען זיך אנכאפן נאר אויף יחידים.

ס'איז א גרויסע נקודה. **רבי אברהם ב"ר נחמן** זאגט[ד] אין סוף "ששון ושמחה", אז דער בעל דבר פארלייגט זיך אויף דעם מיט די גרעסטע כוחות. [**רח"ב לנוכחים:** זעץ זיך צו, זעץ זיך צו! וואס ביזסטו זיך מרחק, מיר רעדן דא ערשט פון אהבת חברים... מ'דארף זיך דערנענטערן איינער צום אנדערן, נישט זיך מרחיק זיין איינער פון אנדערן...] דער בעל דבר לייגט, די גרעסטע כוחות לייגט ער, צו צושטערן די "אהבת חברים".

---

**ג.** ראה הל' תפילין ב, ד: כִּי בְּוַדַּאי כָּל אֶחָד וְאֶחָד, בִּפְרָט הוּא רָחוֹק מְאֹד מִצַּדִּיק הַדּוֹר **וְאִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ רַק עַל-יְדֵי כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, עַל-יְדֵי זֶה נִמְשֶׁכֶת הַהֶאָרָה וְאָז יָכוֹל לְקַבֵּל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּפְרָט גַּם כֵּן** וכו'. כִּי עַל-יְדֵי רַבִּים יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ לְקַבֵּל הֶאָרָתוֹ הַגְּדוֹלָה וְאָז יָכוֹל גַּם כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְקַבֵּל, כִּי נִשְׁתַּלְשְׁלָה הַהֶאָרָה עַל-יְדֵי כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל. וראה טעם זקנים קונטרס ס"ג (עמ' 30): אונזערע לייט פלעגן זאגן: **דער רבי איז א געוואלדיגע אור, נאר אז ס'איז 'ברבים' קען זיך האלטן דער אור**, 'נאר איינער אליין' - ביי איינעם אליין איז שווער ס'זאל זיך האלטן דער אור!

**ד.** וזל"ש: עַל זֶה דָּוֶה לִבֵּנוּ עַל אֵלֶּה חָשְׁכוּ עֵינֵינוּ, עַל שֶׁעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן, עַד שֶׁגַּם בְּיָמֵינוּ אֵלֶּה וּבַדּוֹרוֹת הַסְּמוּכִים מִלְּבַד הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁהִרְבָּה וְהִגְדִּיל עַל יְחִידֵי הַדּוֹרוֹת בְּעַצְמָם, כְּמוֹ עַל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן עַל אַדְמוֹ"ר זַ"ל כַּיָּדוּעַ, עוֹד לֹא נִתְקָרֵר דַּעְתּוֹ בְּכָל זֶה, **כִּי עוֹד הִתְגַּבֵּר בְּכָל כֹּחוֹ לְהַגְדִּיל מַחֲלֹקֶת וּפֵרוּד לְבָבוֹת גַּם בֵּין אֲנָשֵׁיהֶם בְּעַצְמָם** (שֶׁבָּזֶה גָּמַר מַחֲשַׁבְתּוֹ וּרְצוֹנוֹ הָרָע בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר) וכו'. וְכֵן בֵּין תַּלְמִידֵי אַדְמוֹ"ר זַ"ל כַּנּוֹדָע לְמִי שֶׁבָּקִי בָּזֶה קְצָת וכו'.

כִּי גַם בְּעֹצֶם שִׁפְלוּתֵנוּ בַּדּוֹר הַיָּתוֹם הַזֶּה, בְּגֹדֶל וְעֹמֶק תַּכְלִית תַּכְלִית דְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁאָנוּ מֻנָּחִים כָּעֵת, עוֹד לֹא שָׁב חֲרוֹן אַף הַיֵּצֶר מֵאִתָּנוּ, וְעוֹד מִתְגָּרֶה בְּכָל אֶחָד בְּכַעַס וְחֵמָה בְּקִנְאָה וּרְדִיפַת הַכָּבוֹד, בְּלָשׁוֹן הָרָע וְשִׂנְאַת חִנָּם, וְכָל אֶחָד מְדַמֶּה בְּנַפְשׁוֹ שֶׁהוּא מֵבִין אֲמִתִּי עַל חֲבֵרוֹ, שֶׁחֲבֵרוֹ מַחֲרִיב עוֹלָמוֹת וְהוּא רוֹצֶה לִבְנוֹתָם, שֶׁחֲבֵרוֹ כֻּלּוֹ שֶׁקֶר וְהוּא כֻּלּוֹ אֱמֶת. וְזֶה הַדָּבָר בְּעוֹכְרֵינוּ לְהַרְחִיק מֵהָאֱמֶת יוֹתֵר מֵהַכֹּל, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַאֲרִיךְ כָּל־כָּךְ בְּעִנְיָן זֶה כִּי בֶּאֱמֶת כֻּלָּנוּ כַּצֹּאן תָּעִינוּ וְכוּ'. וּלְמַאי נַפְקָא מִינָהּ, לְמִבְּעֵי רַחֲמֵי. כִּי שׁוֹמֵעַ כָּל זֶה יִבְכֶּה וְיִשְׁמַח בִּבְכִי וְתַחֲנוּנִים, כְּלָבִיא יִשְׁאַג תְּפִלָּה וּצְעָקָה וְשִׂמְחָה יַרְבֶּה, אוּלַי אוּלַי מִכָּל זֶה יֵחָבֵא. (וְעַל כֵּן גַּם אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה קָבְעוּ לָנוּ עַל זֶה לְבַקֵּשׁ וּלְבָרֵךְ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בְּכָל יוֹם בִּרְכַּת שִׂים שָׁלוֹם אֲפִלּוּ בְּשַׁבָּת וְיוֹם־טוֹב).

ער זאגט (רבי אברהם): אפילו ביי די תלמידים פון רעבן, די תלמידים פון רבי נתן - האט דער בעל דבר געלייגט כוחות דארטן צו צושטערן, אלעמאל טרעפן פירודים... ס'איז מעשי בעל דבר, ווייל אין דעם איז [אלעס] תלוי[ה]!

רבי לוי יצחק [בנדר] האט געזאגט[ו], אז אלעמאל האט מען געזעהן אז ביי די אמת'ע תלמידים פון אונזערע לייט, דארטן איז געווען די אהבת חברים. וואס מער ס'איז געווען מער ברסלב, איז געווען מער אהבת חברים. אלע דורות - האט ער געזאגט - איז געווען אזוי, צווישן רבי נתן'ס תלמידים איז געווען מער אהבת חברים, רבי נחמן טולטשינער'ס תלמידים, רבי אברהם ב"ר נחמן'ס... אלעמאל, די וואס האבן זיך געהאלטן, ווי מ'זאגט, אין דער עיקר ברסלב - איז געווען ביי זיי א שטארקע אהבת חברים. ס'איז א אנדער סארט חיות!

ס'איז נישט אז א מענטש ער קומט ביים רעבן, ער קומט זיך עפעס נעמען דארטן עפעס א גוטע זאך און גייט ווייטער... נאר א מענטש איז זיך קובע, מיין פלאץ איז ביים רעבן!

וואס הייסט מיין פלאץ איז ביים רעבן? מיין פלאץ איז ביים רבי'ן - איז די חברים! זיי זענען מיינע חברים, זיי זענען מיין "קביעות", זיי זענען מיין קביעות אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

מען דארף אסאך תפילות אויף דעם[ז], אסאך מתפלל זיין אויף דעם! ס'איז נישט, מ'קען זיך נישט תולה זיין אין סיבות. איינער זאגט, אסאך מאל זאגן

---

**ה.** ראה ליקו"ה פקדון ה, י"ד: **עִקַּר קִיּוּם הַתּוֹרָה הוּא עַל יְדֵי אַהֲבַת הַחֲבֵרִים** שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִכְלָלִין יַחַד וְכוּ' כַּנַּ"ל, וּכְמוֹ שֶׁהִזְהִיר הָאֲרִ"י זַ"ל מְאֹד עַל אַהֲבַת הַחֲבֵרִים.

**ו.** ראה טעם זקנים קונטרס קי"ז (עמ' מ"א): "רבי נתן האט געהאט אזעלכע חברים וואס זיי האבן נישט געהאט קיין צייט צו קומען צו אים - איז רבי נתן געגאנגען צו זיי, רעדן מיט זיי! **רבי נתן האט געוואוסט אז דעם רבי'נס זאך איז נאר חברים, איז ער געגאנגען צו זיי, רעדן מיט זיי**, ער האט גארנישט געקוקט, געגאנגען צו זיי.

**ז.** ראה נתיב צדיק מכתב פ"א: ראה בנתיב צדיק מכתב פ"א: כי אין לנו להשען כי אם על אבינו שבשמים ועל כח רבנו ז"ל ותלמידו הק' ועל אהבת חברים כי אנן בחביבותא תליא מלתא. **ואם נהיה אוהבים באמת כאשר היה רצון רבנו ז"ל (כמבואר בחיי מוהר"ן) לא היה שולט**

בחורים: "וואס ווילסטו פון מיר? איינעם גייט בעסער, איינעם גייט ווייניגער... איינער האט מער חברים, איינער האט ווייניגער חברים" - [אבער] ס'איז נישט דאס, די אלע זאכן וואס ס'גייט פון אויבן אויף, נישט וועגן דעם איז דער מדובר, דאס איז זאכן וואס ס'איז גארנישט[ח]... דער עיקר איז תפילות!

**א מענטש איז מתפלל אויף דעם, ער בעט דעם אויבערשטן אויף דעם - ווערט סייעתא דשמיא, עפנט זיך אויף טויערן פון אמת'ע אהבת חברים... אמת'ע אהבת חברים! א אנדער סארט זאך אינגאנצן.**

[**רח"ב לנוכחים**: איך פרעג דער עולם, איך מאך א בחינה: וואס הערט זיך מיט אהבת חברים? וואס דער מצב, פרעג איך אייך... צו ס'רוקט זיך דער זאך; וויפל איז שוין אריין געקראכן אין די הערצער צו וויסן אז אליין בין איך זייער א קליינע זאך, אליין בין איך זייער א שוואכע זאך... איך דארף כח פון מיינע חברים, צו זיך האלטן צוזאמען!]

## מ'דארף אריין טאן כוחות אין דעם...

דער רבי זאגט אין תורה כ' אז מ'וויל ממשיך זיין תורה - "וְיֵשׁ חִלּוּק בֵּין בֵּאוּר שֶׁאָדָם מְבָאֵר בֵּינוֹ לְבֵין עַצְמוֹ [א מענטש וויל מבאר זיין עפעס, פארשטיין וואס ער לערנט, פארשטיין וואס ער איז מקבל פון צדיק], לְבֵין בֵּאוּר שֶׁאָדָם מְבָאֵר לָרַבִּים. כִּי כְּשֶׁדּוֹרֵשׁ בָּרַבִּים וְקֹדֶם הַבֵּאוּר הוּא מְקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ עִם נִשְׁמוֹתֵיהֶם וְשׁוֹפֵךְ שִׂיחוֹ וּתְפִלָּתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּוַדַּאי 'הֵן אֵל כַּבִּיר לֹא יִמְאָס' [- אז ס'איז דא א תפילת רבים], אֲבָל תְּפִלַּת יָחִיד אֶפְשָׁר שֶׁמּוֹאֲסִין בִּתְפִלָּתוֹ".

**בנו שום דבר**. ועיקר אהבה צריך להיות שעל כל פשעים תכסה אהבה ולדון את כל אחד לכף זכות ואפילו את עצמו. **ורבנו ז"ל הזהיר מאד מאד על זה כי כל יהדותנו תלוי בזה ועל זה אנו צריכין לבקש יומם ולילה**.

**ח.** ראה שיש"ק החדש ב, תרס"ג.

רבי נתן זאגט אין ליקוטי הלכות אויף דעם[ט] - אז ס'גייט אויף יעדן איינעם, נישט נאר דער צדיק איז ממשיך תורה, נאר יעדער איינער אז ער וויל ממשיך זיין תורה דארף ער וויסן: ס'גייט נישט [אז] 'איך וויל תורה פאר זיך אליין'... נאר 'איך וויל תורה פאר מיר מיט מיינע חברים צוזאמען; ס'זאל נמשך ווערן הארת התורה אז איך מיט מיינע חברים צוזאמען זאלן קענען מקבל זיין תורה'. אז נישט קען זיין אז 'ממאסין בתפילתו'.

א מענטש וואס ער מיינט אז ער איז פאר זיך אליין, [ער דאגה'ט נאר] פאר זיין אייגענעם פעקל... - ס'גייט נישט אזוי, ס'גייט נישט א אייגענעם פעקל.

[פונה לאחד הבחורים:] יא, ביסט געווארן א חתן... וואס איז אז ער האט חתונה? מ'האט חתונה שטייט "**מזלא דבי תרי עדיף**"[י], מ'האט חתונה איז מען שוין

---

**ט.** ראה ליקו"ה הל' קריאת התורה ו, ל"ז: בְּכָל דַּרְגָּא שֶׁהוּא וכו' צָרִיךְ לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ עִם הַצִּבּוּר כְּדֵי לְהַעֲלוֹת הַצִּבּוּר לְקָשְׁרָם אֵלָיו, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהַמְשִׁיךְ בְּחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה מֵחָדָשׁ בְּכָל פַּעַם, כִּי אֲפִלּוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ בְּעַצְמוֹ שֶׁקְּדֻשָּׁתוֹ וּמַעֲלָתוֹ הָיְתָה גְּבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, אַף-עַל -פִּי-כֵן לֹא הָיָה יָכוֹל לַעֲלוֹת לַה' וּלְהַמְשִׁיךְ תּוֹרָה כִּי אִם עַל -יְדֵי קִבּוּץ נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל אֵלָיו וכו' מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים, מִכָּל שֶׁכֵּן הַנְּמוּכִים וְהַגְּרוּעִים בְּיוֹתֵר שֶׁכָּל תִּקּוּנָם שֶׁיְּבַקְשׁוּ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד וִיכַוְּנוּ בְּכָל עֲבוֹדָתָם שֶׁיִּזְכּוּ לְהִתְקַשֵּׁר עִם הַצִּבּוּר הַקָּדוֹשׁ וכו'. מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אָדָם שֶׁמָּלֵא עֲוֹנוֹת הוּא בְּוַדַּאי הֶבֶל, **וְעַל-כֵּן בְּוַדַּאי כָּל תַּקָּנָתוֹ שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל כָּל יָמָיו לְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ לִהְיוֹת נִכְלָל בְּתוֹךְ הַצִּבּוּר בְּתוֹךְ נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל הַמְקֻשָּׁרִים לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הָעוֹסֵק תָּמִיד לְקַבְּצָם וּלְקַשְּׁרָם אֵלָיו יַחַד, כִּי רַק עַל-יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ גַּם כֵּן תִּקְוָה גְּדוֹלָה**, כִּי הֵן אֵל כַּבִּיר לֹא יִמְאָס, וּבְתוֹךְ הַכְּלָל יַעֲלֶה הַצַּדִּיק גַּם נַפְשׁוֹ אַף אִם הִיא פְּגוּמָה בַּעֲוֹנוֹת מְאֹד, וְכַמְבֹאָר בִּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַרְבֵּה בָּזֶה (וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּהַתּוֹרָה "אַשְׁרֵי הָעָם-הַשְׁגָּחָה" סִימָן יג עַל פָּסוּק, "אָרִיתִי מוֹרִי עִם בְּשָׂמִי וְכוּ'", עַיֵּן שָׁם) וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בָּזֶה. (וראה עוד בהל' גזילה ה, ו).

**י.** ראה ליקו"ה הל' חזקת קרקעות ב, כ"ו: כִּי עִקַּר בְּחִינַת שֻׁתָּפוּת שֶׁבֵּין בְּנֵי אָדָם בְּאֵיזֶה עֵסֶק נִמְשָׁךְ מִבְּחִינָה הַנַּ"ל שֶׁמּוּבָא בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל {תורה ז' תנינא} שֶׁכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל צָרִיךְ לְדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', בִּבְחִינַת וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין וכו'. וּמִזֶּה נִמְשָׁךְ בְּחִינַת שֻׁתָּפוּת שֶׁרֹב הָעֲסָקִים שֶׁל מַשָּׂא וּמַתָּן, בִּפְרָט הַמַּשָּׂא וּמַתָּן הַגְּדוֹלִים נִגְמָרִים עַל יְדֵי שֻׁתָּפוּת דַּיְקָא, כִּי שֹׁרֶשׁ הַשֻּׁתָּפוּת וְהַהִתְחַבְּרוּת שֶׁבֵּין אֲנָשִׁים לִגְמֹר אֵיזֶה עֵסֶק נִמְשָׁךְ מֵחֲמַת שֶׁכָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל צָרִיךְ לְהָאִיר בַּחֲבֵרוֹ הַדַּעַת כַּנַּ"ל וְכֵן חֲבֵרוֹ צָרִיךְ לְהָאִיר בּוֹ הַדַּעַת וכו'. **וּמִזֶּה נִמְשָׁךְ שֶׁמִּתְחַבְּרִין בְּנֵי אָדָם לַעֲשׂוֹת מַשָּׂא וּמַתָּן בְּשֻׁתָּפוּת, וְעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לְהַצְלִיחַ בְּיוֹתֵר אִם יִתְנַהֲגוּ כָּרָאוּי, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "מַזָּלָא דְּבֵי תְּרֵי עָדִיף"**.

נישט איינער. מ'ווערט א חתן, פון ווען דו ביסט געווארן א חתן - דו טראכסט שוין יעדער זאך נישט פאר זיך אליין, דו טראכסט שוין.. ווערסט עפעס צוגעבונדן מיט איינעם. פון היינט און ווייטער יעדער זאך דארף שטימען מיט יענעם [אפילו איך ווייס נאך נישט ווער דאס איז כמעט...].

ווען ס'איז געווען די "**גזירת הגיוס**" אין פולין, איז געווען אזעלכע וואס האבן געהאלטן אז מ'דארף חתונה האבן שפעט, ווייל ס'איז א רחמנות מ'האט חתונה און שפעטער שלעפט מען אוועק אין מיליטער, מ'לאזט איבער א עגונה וואס זיצט אין שטוב... א רחמנות.

[אבער] דער "**חפץ חיים**" פלעגט האלטן אז מ'דארף חתונה האבן וואס פריער. פארוואס? - 'מזלא דבי תרי עדיף'; א מענטש ווערט א חתן, האט חתונה, האט ער שוין מער א גרעסערע שמירה פון אויבן. ס'איז שוין דא א שמירה אויף אים, וועט מען אים מער אפהיטן. סיי אז מ'וועט אים נישט נעמען [אין מיליטער], און אפילו אויב מ'וועט אים נעמען, איז דא א שמירה אויף אים אז ער זאל נישט גע'הרג'עט ווערן, ער זאל זיך האלטן, ער זאל צוריק קומען. ער איז שוין א חתונה'געהאטער, ער איז שוין נישט אליין.

---

כִּי כָּל דָּבָר יֵשׁ לוֹ שֹׁרֶשׁ בַּתּוֹרָה, כִּי עִקַּר הַהִתְחַבְּרוּת וְהַשְׁתָּפוּת שֶׁבֵּינֵיהֶם לִגְמֹר יַחַד אֵיזֶה עֵסֶק הוּא מֵחֲמַת שֶׁבְּשֹׁרֶשׁ הַחִיּוּת שֶׁל כָּל אֶחָד - שֶׁהוּא הַמְשָׁכַת הַדַּעַת הַנַּ"ל שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה נִבְרָא וְנִתְקַיֵּם הַכֹּל - שָׁם בְּהַמְשָׁכַת הַדַּעַת הַזֶּה צְרִיכִים דַּיְקָא לְהִתְחַבֵּר וּלְהִשְׁתַּתֵּף יַחַד אֶחָד עִם חֲבֵרוֹ וּלְדַבֵּר וְלַעֲסֹק כָּל אֶחָד עִם חֲבֵרוֹ בְּכָל עֵת מֵהַדַּעַת הַזֶּה שֶׁהוּא עִקַּר הַתַּכְלִית, כִּי צְרִיכִין לְהָאִיר וּלְקַבֵּל זֶה מִזֶּה וְכוּ' וְכַנַּ"ל. וּמִשָּׁם נִמְשָׁךְ שֶׁגַּם בְּכָל הַמַּשָּׂא וּמַתָּן וְהָעֲסָקִים מִתְחַבְּרִים וּמִשְׁתַּתְּפִין יַחַד וְעַל יְדֵי זֶה נִגְמָרִים בְּיוֹתֵר רֹב הָעֲסָקִים, כִּי הַכֹּל מְקַבֵּל חִיּוּת מֵהַתּוֹרָה שֶׁהוּא הַדַּעַת הַנַּ"ל, שֶׁשָּׁם צְרִיכִין לְהִתְחַבֵּר וּלְהִשְׁתַּתֵּף שֶׁיָּאִיר זֶה בָּזֶה וכו'. וְעַל כֵּן מַזָּלָא דְּבֵי תְּרֵי עָדִיף וְכַנַּ"ל.

**וְזֶה בְּחִינַת "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, טוֹבִים הַשְּׁנַיִם לְכָל דָּבָר מִן הָאֶחָד, לְפִיכָךְ יִקְנֶה לוֹ הָאָדָם חָבֵר וְיִשָּׂא אִשָּׁה**, אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶן יוֹתֵר רֶוַח בַּעֲמָלָם. הַרְבֵּה מְלָאכוֹת נַעֲשׂוֹת בִּשְׁנַיִם שֶׁאֵין הַיָּחִיד מַתְחִיל בָּהּ לְבַדּוֹ. הַיְנוּ כַּנַּ"ל, **כִּי עִקַּר קִיּוּם וְיִשּׁוּב הָעוֹלָם נִמְשָׁךְ מֵהַדַּעַת הַנַּ"ל שֶׁל בֵּן וְתַלְמִיד, שֶׁלָּזֶה צְרִיכִין הִתְחַבְּרוּת וְשֻׁתָּפוּת דַּיְקָא** הֵן לְהוֹלִיד בָּנִים, הֵן לְהַעֲמִיד תַּלְמִידִים וַחֲבֵרִים שֶׁיְּקַבְּלוּ זֶה מִזֶּה וְכוּ', הֵן לִגְמֹר אֵיזֶה עֵסֶק מַשָּׂא וּמַתָּן גָּדוֹל אוֹ מְלָאכָה גְּדוֹלָה. וְכַמְבֹאָר בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י הַנַּ"ל הַרְבֵּה מְלָאכוֹת נַעֲשׂוֹת בִּשְׁנַיִם וְכוּ'.

יעדער זאך, א מענטש איז נישט אליין.. די זקנים פון אונזערע לייט אין אומן פלעגן דערציילן אז בשעתו, פאר די קומוניסטים זענען געקומען, איז געווען כל מיני, אסאך 'עובדים' וואס האבן געדינט דעם אויבערשטן פאר זיך אליין, און ס'איז געווען אזעלכע וואס האבן זיך מחזק געווען מיט חברים.

[אבער ווען] ס'איז געקומען די גזירות האט מען געזעהן דעם חילוק. די וואס האבן זיך געהאלטן מיט חברים האבן דורך געגאנגען, די שווערסטע זאכן דורך געגאנגען... אבער די וואס האבן געדינט דעם אויבערשטן אליין - אפילו וואס ביים אנהויב האט אויס געקוקט אז זיי דינען דעם אויבערשטן מער [פאר זיך אליין] - אבער זיי האבן זיך נישט געקענט האלטן...

**דער כח החברים איז א מורא'דיגע כח!**

[**שואל:** רבי אברהם ב"ר נחמן איז ארויס געגאנגען אין וואלד א גאנצע וואך?] **ער איז געגאנגען** אליין, אבער ער האט חרטה געהאט אויף דעם וואס ער איז געווען אליין. ער האט חרטה געהאט אויף דעם - אזוי האט דערציילט רבי לוי יצחק - ער האט אין די שפעטערדיגע יארן זיך שטארק געהאלטן [אינאיינעם].

אוודאי דארף מען גיין אין וואלד, און אוודאי דארף מען זיין אליין אויך.. ס'איז נישט קיין סתירה. אבער מ'דארף זיך אויך האלטן, מ'דארף זיך אויך האלטן צוזאמען, מ'דארף זיך האלטן צוזאמען!

מ'דארף אריין טאן כוחות אין דעם. ערשטנ'ס, כפשוטו יעדער איינער דארף מאיר פנים זיין פאר זיינע חברים, מתפלל זיין פאר זיינע חברים, מתפלל זיין ס'זאל זיין אהבת חברים... **אז ס'קומט מיט תפלה איז דא סייעתא דשמיא, גרויסע סייעתא דשמיא!**

## "ברב עם הדרת מלך"

אלע עצות פון רבי'ן זענען עצות כלליות. די עצה פון 'ראש השנה' - ס'איז א עצה כללית, אז מ'האט א חיות מיט די חברים הערט מען, הערט מען אזעלכע סארטן.. די עצה פון 'שמחה' ס'איז א עצה וואס איז.. זיך פרייען מיט יעדע נקודה טובה; איינער וואס פריידט זיך מיט יענעם'ס נקודה טובה פריידט זיך מיט זיין נקודה טובה! **זיך פרייען אז מ'איז א איד; אז דו פרייסט זיך אז יענער איז א איד, פרייסטו זיך אז דו ביסט א איד!**

טאמער ס'איז אלץ געבויעט נאר, א גאנצע צייט מאכט מען א חשבון, וויפל פארדין איך, וויפל פארדין איך... ס'איז נישט דער חשבון, ס'איז בכלל נישט דער חשבון, ס'איז נישט דאס. ס'איז נישט די סחורה, ס'איז נישט די סחורה!

דער טעם פון אידישקייט איז אז ס'איז ברבים, אידישקייט האט א טעם, "**בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ**[יא]"; צוזאמען שפירט מען דעם אויבערשטן, צוזאמען שפירט מען דעם רעבן, צוזאמען שפירט מען קדושת ישראל, צוזאמען

**יא.** [משלי יד, כח. ברכות דף נג.] וראה בליקו"ה הל' בית כנסת ו, כ"ז: כָּל מַה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל מִתְרַבִּין יוֹתֵר מִתְגַּדֵּל כְּבוֹדוֹ וּשְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ יוֹתֵר, בִּבְחִינַת "בְּרוֹב עַם הַדְרַת מֶלֶךְ". ובהל' חובל בחברו ג, כ: כָּל מַה שֶּׁמִּתְקַבְּצִין יוֹתֵר אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים בְּיַחַד נִתְכַּבֵּד וְנִתְגַּדֵּל שְׁמוֹ בְּיוֹתֵר, כִּי "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ" - שֶׁעִקַּר כְּבוֹד וְהַדְרַת מֶלֶךְ בְּיוֹתֵר הוּא בְּרֹב עָם. ובהל' עדות ב, ג: **עִקַּר כֹּחַ יִשְׂרָאֵל הוּא דַּיְקָא כְּשֶׁהֵם רַבִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ"** וכו', עיי"ש.

ובהל' נשיאת כפיים ה, ד: וְזֶה בְּחִינַת "בְּרֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ", שֶׁעַל-יְדֵי רֹב עָם שֶׁמְּבַקְשִׁין לְדַבֵּר בְּיִרְאַת שָׁמַיִם לְגַלּוֹת וּלְהָאִיר הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת מִזֶּה לָזֶה כַּנַּ"ל - עַל-יְדֵי זֶה הַדְרַת מֶלֶךְ, כִּי **עַל-יְדֵי זֶה מֵאִיר פְּנֵי ה', שֶׁהוּא בְּחִינַת הַדְרַת מֶלֶךְ**, בְּחִינַת הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו וְכוּ'.

ובהל' פו"ר ואישות ג, י"ג: **כָּל מַה שֶּׁמִּתְרַבִּין יִשְׂרָאֵל בְּיוֹתֵר נִתְרַבֶּה וְנִתְגַּדֵּל הַשִּׂמְחָה בְּיוֹתֵר, כִּי "בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ", וְהַדְרַת מֶלֶךְ הוּא בְּחִינַת שִׂמְחָה**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, "הִרְבִּיתָ הַגּוֹי לוֹ הִגְדַּלְתָּ הַשִּׂמְחָה שָׂמְחוּ לְפָנֶיךָ וְכוּ'", שֶׁכָּל מַה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל נִתְרַבִּין בְּיוֹתֵר, נִגְדָּל הַשִּׂמְחָה בְּיוֹתֵר. (וראה עוד בהל' פסח ט, כ"ח. ובהל' תפילת המנחה ז, צ"ג.)

שפירט מען א שבת, א יום טוב. יעדער נקודה, יעדער נקודה פון אידישקייט - ס'איז אלץ ברבים.

ס'קומט א שבת, ס'איז א שבת פאר כלל ישראל. ס'קומט א יום טוב, א יום טוב פאר כלל ישראל. ס'קומט א שובבי"ם ס'איז א שובבי"ם פאר כלל ישראל. יעדער זאך, יעדער הארה - איז א הארה פארן כלל.

מענטשן פרעגן: איך בין נשתנה געווארן אין דער יום טוב? איך בין נשתנה געווארן?! - אלץ דרייט זיך ארום, דיין גאנצע קאפ דרייט זיך ארום דיר אליין, דערפאר פארשטייסטו נישט דער ענין בכלל. אז דו וואלסט זיך געפילט "**בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת**[יב]", וואלסטו אנדערש געקוקט אויף יעדע זאך!

---

וראה בהל' הכשר כלים ד, מ: וְעַל-כֵּן צְרִיכִין הַרְבֵּה תַּלְמִידִים שֶׁיּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ הָרוּחַ חַיִּים הַנַּ"ל, בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם מֵרַבָּם, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וְהַעֲמִידוּ תַּלְמִידִים הַרְבֵּה. וְזֶהוּ בְּחִינַת מַעֲלַת רִבּוּי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁה' יִתְבָּרַךְ וְהַצַּדִּיקִים מְבָרְכִים בָּזֶה כַּמָּה פְּעָמִים וכו' **כִּי כָּל מַה שֶּׁמִּתְרַבִּין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים הַנִּלְוִים אֶל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, מְקַבְּלִין יוֹתֵר הָרוּחַ חַיִּים הַנַּ"ל בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם הַנַּ"ל**, כִּי יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ יוֹתֵר לְקַבְּלוֹ עַל-יְדֵי רִבּוּי הַכֵּלִים הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל כָּל אֶחָד. אֲבָל צְרִיכִין שֶׁיִּהְיֶה בֵּינֵיהֶם אַהֲבָה גְּדוֹלָה בְּחִינַת אַהֲבַת חֲבֵרִים, שֶׁלֹּא תִּתְגַּבֵּר הַסִּטְרָא אַחֲרָא הַנֶּאֱחֶזֶת בְּהָרִבּוּי וְהַמִּסְפָּר וכו'. וְעַל-כֵּן לִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מַחֲלֹקֶת בֵּין יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָן, שֶׁאֶחָד מוֹנֵעַ לַחֲבֵרוֹ. וְאֵלּוּ הַמְּנִיעוֹת גְּדוֹלִים מֵהַכֹּל, כַּיָּדוּעַ, כִּי בְּהַרְבֵּה בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יֵשׁ שִׁנּוּי דֵּעוֹת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁאֵין דַּעְתָּם שָׁוָה זֶה לָזֶה, אֲבָל צְרִיכִים שֶׁבְּכָל שִׁנּוּי דֵּעוֹתֵיהֶם יִכָּלְלוּ יַחַד בְּרַבָּם הָאֲמִתִּי. וְאָז נַעֲשֶׂה תִּקּוּן גָּדוֹל עַל-יְדֵי הָרִבּוּי בִּבְחִינַת בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ וְכוּ' וּכְתִיב, "בִּרְבוֹת צַדִּיקִים יִשְׂמַח הָעָם", **כִּי דַּיְקָא עַל-יְדֵי שֶׁדַּעְתָּם מְשֻׁנָּה זֶה מִזֶּה וְכֻלָּם נִכְלָלִים בְּדֵעָה אֶחָד לְהִכָּלֵל בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת רַבָּם, עַל-יְדֵי-זֶה יֵשׁ לָהֶם כֵּלִים נִפְלָאִים הַרְבֵּה לְקַבֵּל הָאוֹר הַגָּדוֹל**, בְּחִינַת פִּי שְׁנַיִם.

**יב.** מלכים ב' ד, יג. וראה בזוהר חדש רות: רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אָמַר, מַה כְּתִיב בַּשּׁוּנַמִּית. **"וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת". מִכָּאן, שֶׁצָּרִיךְ לְהַכְנִיס רֹאשׁוֹ לְתוֹךְ רַבִּים, וְלֹא יְהֵא נִרְשָׁם לְבַד.** ובבראשית דף ק"ס ע"ב: "וַתֹּאמֶר בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יוֹשָׁבֶת" - מַאי קָאָמְרָה. לָא בָּעֵינָא, לְמֶהֱוֵי רְשִׁימָאָה לְעֵילָא, **אֶלָּא לְאַעֲלָאָה רֵישָׁאִי בֵּין סַגִּיאִין, וְלָא לְאַפָּקָא מִכְּלָלָא דִּלְהוֹן.** וְכָךְ בָּעֵי לֵיהּ לְבַר נָשׁ, לְאִתְכְּלָלָא בִּכְלָלָא דְּסַגִּיאִין וְלָא לְאִתְיַיחֲדָא בִּלְחוֹדוֹי. ושם בדף מ"ד ע"א: וְעַל דָּא, לָא לִבְעֵי לֵיהּ לְאִינִישׁ, לְאִתְפָּרְשָׁא מִבֵּין עַמָּא לְעָלַם, **דִּבְכָל זִמְנָא רַחֲמֵי דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עַל עַמָּא כֻּלְּהוּ כְּחַד. וּבְגִינֵי כַּךְ אָמְרָה, בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת, וְלָא בְּעֵינָא לְאִתְפָּרְשָׁא מִנַּיְיהוּ.** [וראה באריכות ברוחא דחיי קונטרס ט"ז מאמר "בתוך עמי אנוכי יושבת".]

"אַה! ס'איז אראפ געקומען א שבת אויף כלל ישראל! ס'איז געקומען א שובבי"ם אויף כלל ישראל! ס'איז געקומען א פסח אויף כלל ישראל, אַה! כלל ישראל ציט אריין דעם אויבערשטן איצטער, אזוי פיל קדושה קומט אריין ביי כלל ישראל - -"

**ס'איז אנדערש אינגאנצן! ס'איז אנדערש אינגאנצן! בפרט ווען א מענטש האט אפאר חברים..**

ס'איז דא "אהבת ישראל" און ס'איז דא "אהבת חברים". ס'איז צוויי חלקים - 'אהבת ישראל' איז אהבת ישראל וואס מ'האט ליב, 'ואהבת לרעך כמוך', גאנץ כלל ישראל דארף מען ליב האבן. **אבער 'אהבת חברים' הייסט, ליב האבן די חברים וואס מ'לערנט מיט זיי תורה צוזאמען** - אזוי זאגט רבי נתן[יג] - די חברים וואס מ'איז מקבל תורה צוזאמען, דאס איז א עקסטערע מצוה.

ס'איז א עקסטערע אהבה, ס'איז א עקסטערע נקודה. די חברים וואס זיי האלטן זיך אין רבי'ן צוזאמען, זיי זענען מקבל צוזאמען פון רבי'ן - ס'איז א אנדערע זאך אינגאנצן, ס'איז גאר עפעס אנדערש.

[רבי יעקב מאיר [שכטער] שיחי' איז געווען א חידוש אין דעם, אין די יונגע יארן זיינע - אפילו ביז לעצט'נס - פלעגט ער גיין אויף שמחות פון יעדן איינעם, מיט האלטן, שטארקן דעם ענין פון 'בין אדם לחבירו' פון אונזערע לייט; מיט האלטן מיט אונזערע לייט, זיך מיט פרייען מיט אונזערע לייט, העלפן אונזערע לייט.

ס'איז א זאך וואס ס'איז א גרויסער שורש, א גרויסער שורש! דער גאנצער זאך..

---

**יג.** ראה ליקו"ה הודאה ו, ס"א. וראה בסדר היום לר"י ברייטער הי"ד: "אהבת חברים - **יאהב כל ישראל, ובפרט המקורבין להצדיק אמת, כנפשו**, וידבר עמהם בכל יום מהתכלית האמת, כדי לקבל מנקודתם הטובה וכו'".

דער אויבערשטער האט אים טאקע מזכה געווען אז ער האט זוכה געווען צו אויפשטעלן אזא (מוסדות) "**קרן אור**" - פון אזוי פיל טאן פאר אונזערע לייט, אזוי פיל צדקה חסד מיט אויפטאן, קטנים און גדולים. וויפל 'צדקות' דער איד איז זוכה אז ס'גייט דורך, דורך זיינע הענט - פאר אונזערע לייט.

א חידוש! א חידוש! א איד האט זוכה געווען... מ'כאפט נישט וואס דאס איז; א איד האט זוכה געווען, א איד האט זוכה געווען אז ער האט אזא חלק גדול אין טאן פאר אונזערע לייט! ס'קומט אלעס פון די ערשטע יארן, פון דעם אנהויב אן, פון די גוטע מידות פון אנהויב אן... אזוי דארף מען זיין, אזוי דארף מען זיין!].

## אויף וואס שרייט מען שובבי"ם?

איך זאג, מ'האט שוין גערעדט א צוויי דריי מאל וועגן שובבי"ם, און מ'דארף נאך אזוי פיל רעדן וועגן שובבי"ם... [אבער] איך פיל, ס'איז שווער צו רעדן, ווייל דער עיקר הארה פון שובבי"ם איז א ענין פון א כלל, דער ענין פון כלל. אז נישט, איז; 'גוט מארגן... וואס עפעס האסט זיך געשטעלט דרש'ענען דרשות, ס'איז עפעס א 'ענין'?!'.

אבער דער עיקר, דער אמת, דער עיקר וואס טוט זיך שובבי"ם - איז א זאך וואס מ'דארף ממשיך זיין א ישועה, מ'דארף ממשיך זיין א ישועה פארן כלל, און בתוך דעם כלל זענען מיר אלע יעדער איינער אויך זוכה. אבער דאס איז א זאך וואס ס'ווערט נמשך, אין דעם כלל ווערט עס נמשך.

מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואספארא מין מתנה דער אויבערשטער האט אונז געגעבן שובבי"ם... א מתנה! מ'האט אונז געגעבן א מתנה צו שרייען צום אויבערשטן...

ס'קומט פסח ביינאכט האלט מען ביי יציאת מצרים, מ'זאגט שוין די 'הגדה' - די שאלה איז ווען ביסטו געווען אין מצרים? רעדסט פון מצרים,

גייס׳ט ארויס פון דארטן, ווען ביסטו אמאל געווען אין מצרים זאג מיר... - שובבי״ם, די צייטן [יד]!

דעמאלט׳ס איז די צייט וואס ווער ס׳איז זוכה, קען מען זוכה זיין צו שפירן די גלות מצרים... פארשטייט מען אז גלות מצרים איז אז מ׳דארף שרייען צום אויבערשטן - שרייען צום אויבערשטן אויף ״**תיקון הברית**״! שרייען צום אויבערשטן אויף ״**תיקון הדעת**״ [טו]!

דאס איז א זאך וואס אז דער אויבערשטער העלפט, אז מ׳שטארקט זיך אין דעם - איז מען זוכה צו ארויסגיין פון גלות לגאולה. מ׳הויבט אן שפירן דעם גלות, מ׳הויבט אן שפירן אז ס׳איז פארשטעלט דער דעת, ס׳איז פארשטעלט דער דעת פון צדיק אויף דער וועלט! ס׳איז דא א חסרון אין דער וועלט!

וואס טוט זיך אין די וועלט? ס׳איז דא א חסרון אז דער רבי איז פארשטעלט, ס׳איז דא א חסרון!

וואס הייסט אז דער רבי איז פארשטעלט? וואס איז ער פארשטעלט?! אלע ספרים זענען דא... - ער איז פארשטעלט [מיינט:], אז דער ערך זיינע איז פארשטעלט, אז דער ערך פון רעבן׳ס דיבורים איז פארשטעלט.

אוואו איז ער פארשטעלט? - נישט נאר דאס אז ער איז פארשטעלט אין די וועלט, ער איז פארשטעלט ביי אונז!

ווייל ער איז פארשטעלט ביי די וועלט איז ער פארשטעלט ביי אונז. ווייל וואס דער רבי איז פארשטעלט אין די וועלט, איז משפיע אויף אונז. א זאך

---

**יד.** ראה בשער רוח הקודש תיקון כ״ז ובשער הפסוקים תחילת פרשת שמות.

**טו.** ראה ליקו״מ תורה כ: ״אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ, וַיֵּרְדוּ אֲבֹתֵינוּ מִצְרַיְמָה״ וכו׳, וּבִפְרָט גָּלוּת מִצְרַיִם שֶׁהָיָה עַל פְּגַם הַבְּרִית וכו׳. ״וַיָּרֵעוּ לָנוּ הַמִּצְרִים וַנִּצְעַק אֶל ה אֱלֹקֵינוּ וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ״ - פֵּרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ ז״ל זֶה מֹשֶׁה, ״וַיּוֹצִיאֵנוּ״. כִּי פְּגַם הַבְּרִית הוּא פְּגַם הַדַּעַת, בִּבְחִינַת ״וַיֵּדַע אָדָם״. וְהַקּוֹל הוּא מְעוֹרֵר הַדַּעַת בִּבְחִינַת הַקּוֹל מְעוֹרֵר הַכַּוָּנָה. וּבִשְׁבִיל זֶה **״וַנִּצְעַק וְכוּ׳ וַיִּשְׁמַע אֶת קוֹלֵנוּ״, וְהַקּוֹל מְעוֹרֵר הַדַּעַת. ״וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ״ זֶה מֹשֶׁה, בְּחִינַת דַּעַת, וְעַל יְדֵי הִתְגַּלּוּת הַדַּעַת כְּתִקּוּנוֹ אָז ״וַיּוֹצִיאֵנוּ״**. וראה בליקו״מ תורה ל״ו ובליקו״ה פסח הלכה ה׳.

וואס ס'איז חשוב אין די וועלט איז ביי אונז אויך חשוב, א זאך וואס ס'איז נישט חשוב אזוי ווי ס'דארף זיין חשוב, איז ביי אונז אויך נישט חשוב. [במילא] ווייסן מיר נישט ווער דער רבי איז, דער דעת פון רבי'ן איז זייער פארשטעלט... און דאס דארף מען שרייען[טז]!

---

**טז.** ראה באריכות בליקו"ה הל' גילוח ד, ז-ח: וְזֶה בְּחִינַת וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרַיְמָה וְכוּ'. **כִּי עִקַּר כָּל הַגָּלֻיּוֹת, בִּפְרָט גָּלוּת מִצְרַיִם הוּא מֵחֲמַת פְּגַם הַדַּעַת וכו'.** וְעַל-כֵּן גָּזְרוּ הַמִּצְרִים עַל הַבָּנִים דַּיְקָא לְהַשְׁלִיכָם לַמַּיִם, וְיִשְׂרָאֵל צָעֲקוּ אֶל ה', זֶה בְּחִינַת צַעֲקַת הַיּוֹלֶדֶת הַנַּ"ל, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נוֹלְדוּ הַמֹּחִין וְנִתְגַּלָּה מֹשֶׁה, שֶׁהוּא הַדַּעַת, וּבָא מִמִּדְיָן וּגְאָלָם. כִּי הַמִּצְרִים רָצוּ לְהַעֲלִים הַמֹּחִין חַס וְשָׁלוֹם וכו', וְיִשְׂרָאֵל עָשׂוּ אֶת שֶׁלָּהֶם וְתָפְסוּ אֱמוּנַת אֲבוֹתָם, "וַיִּצְעֲקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה'", כִּי זֶה עִקַּר הַתִּקּוּן שֶׁל הַגָּלוּת וְשֶׁל כָּל הַצָּרוֹת וכו'.

וְזֶה בְּחִינַת הַגָּלוּת הָאָרֹךְ הָאַחֲרוֹן הַמַּר הַזֶּה, שֶׁהַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵחֶסְרוֹן הַדַּעַת, מִתַּעֲלוּמוֹת הַמֹּחִין דִּקְדֻשָּׁה, וּבִשְׁבִיל זֶה ה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹלֵחַ צָרוֹת מְצָרוֹת שׁוֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְּלָן, בִּכְלָל וּבִפְרָטִיּוּת עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, הַכֹּל כְּדֵי שֶׁיִּצְעַק הָאָדָם אֶל ה', שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה יוֹלִיד הַמֹּחִין מִתַּעֲלוּמָתָן כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה תִּהְיֶה הַגְּאֻלָּה שֶׁנִּקְרֵאת "לֵדָה" וכו', כִּי עַתָּה בְּסוֹף הַגָּלוּת הוּא בִּבְחִינַת כִּי בָאוּ בָנִים עַד מַשְׁבֵּר וְכֹחַ אַיִן לְלֵדָה הַנִּזְכָּר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל. וְלָזֶה צְרִיכִין צְעָקָה שֶׁיִּצְעַק כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ חֶסְרוֹן דַּעְתּוֹ שֶׁהוּא רָחוֹק מֵה' יִתְבָּרַךְ וּמֵהַתּוֹרָה וכו' שֶׁבָּזֶה תְּלוּיָה הַגְּאֻלָּה כַּנַּ"ל.

**כִּי עִקַּר הַגְּאֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה מִמִּצְרַיִם, וְכֵן הַגְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁאָנוּ מְקַוִּים וּמְצַפִּים אֵלֶיהָ בְּכָל יוֹם, עִקַּר כָּל הַגְּאֻלּוֹת הֵם עַל-יְדֵי מֹשֶׁה שֶׁהוּא הַדַּעַת, כִּי מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה כַּיָּדוּעַ, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק שֶׁבְּכָל דּוֹר, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁעַל יָדוֹ עִקַּר הַמְשָׁכַת הַדַּעַת בְּכָל דּוֹר וָדוֹר**, אֲבָל מֵחֲמַת קִלְקוּל הַדּוֹרוֹת נִתְעַלְּמִין הַמֹּחִין וְעַל-יְדֵי-זֶה נִתְעַלֵּם וְנִסְתַּר הַדַּעַת שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בְּכַמָּה הַסְתָּרוֹת שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרוֹת. וְאַף-עַל-פִּי שֶׁהַדַּעַת לִפְנֵי הָעֵינַיִם, אַף-עַל-פִּי-כֵן אֵין רוֹאִין אוֹתוֹ מֵרִבּוּי הַהַסְתָּרוֹת וְהַהַעֲלָמוֹת. וְהָעִקָּר עַל-יְדֵי עֹצֶם הַמַּחֲלֹקֶת וְהַקָּטֵגוֹרְיָא שֶׁבֵּין הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים בְּעַצְמָן, כַּיָּדוּעַ כְּאֵב נֶגַע הַמִּסְפַּחַת הַזֹּאת שֶׁל רִבּוּי הַמַּחֲלֹקֶת בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, בִּפְרָט עַתָּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה שֶׁהִתְגַּבְּרָה הַהַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה מְאֹד מְאֹד בִּבְחִינַת וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר וְכוּ' שֶׁנֶּאֱמַר עַל אַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה. **וְכָל הַקֻּשְׁיוֹת וְהַמְּבוּכוֹת שֶׁקָּשֶׁה לְכָל אֶחָד עַל צַדִּיקֵי אֱמֶת וּכְשֵׁרֵי הַדּוֹר, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מִתַּעֲלוּמוֹת הַמֹּחִין וְהַמַּקִּיפִין הַנַּ"ל שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לְהַשִּׂיגָם** וְשָׁם עִקַּר בְּחִירָתוֹ וכו'. וְכָל אֶחָד כְּפִי רִחוּקוֹ מִזֶּה, בִּפְרָט מִקְּדֻשַּׁת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, כְּמוֹ שֶׁיּוֹדֵעַ כָּל אֶחָד בְּעַצְמוֹ, כְּמוֹ כֵן הוּא רָחוֹק מִדַּעַת אֲמִתִּי וְעַל-כֵּן נוֹפְלִים לוֹ קֻשְׁיוֹת וּמְבוּכוֹת הַרְבֵּה עַל הַדַּעַת הָאֲמִתִּי שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וַאֲנָשָׁיו, שֶׁהֵם עִקַּר הַדַּעַת וְהַמֹּחִין וּבָזֶה תָּלוּי כָּל בְּחִירָתוֹ כַּנַּ"ל.

וּמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, יִצְעַק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ וִיפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו, בִּפְרָט בִּקְדֻשַּׁת שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בָּהֶם, וְאָז יָבִין הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ. וְעַל כָּל פָּנִים יִנָּצֵל שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה עוֹד מִתְנַגֵּד וְחוֹלֵק

## די דעת פון משה איז פארשטעלט...

רבי נתן רעדט פון דעם[יז] - עטליכע מאל רעדט ער פון דעם - אז אין מצרים איז געווען דער דעת אין גלות. וואס הייסט אז דער דעת איז געווען אין גלות? משה איז דער דעת פון כלל ישראל[יח], משה רבינו איז געווען פארשטעלט! משה רבינו איז געווען.. פון גאנץ מצרים איז משה רבינו געווען נעבאך א אנטלאפענער, געדארפט נעבאך אנטלויפן. פון די יונגע יארן זיינע האט ער געדארפט אנטלויפן.

דער דעת! דער דעת פון כלל ישראל!!! ס'איז דא א משה רבינו - ער איז פארשטעלט! ער איז פארשטעלט!!!

פארוואס? ווייל ס'איז דא קטגוריא, ווייל מ'מסר'ט אים. "אה! דו ביסט עס? דו זאגסט מיר דעות, דו זאגסט מיר דעות פאר וואס איך הויב אויף הענט אויף מיין חבר, דו מיש'סט זיך אריין?!" - האט ער געדארפט אנטלויפן.

עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ, כִּי יָבִין חֶסְרוֹנוֹ כַּמָּה הוּא רָחוֹק מִדַּעַת אֲמִתִּי עַל-יְדֵי שֶׁלֹּא קִדֵּשׁ הַשִּׁבְעַת הַנֵּרוֹת כָּרָאוּי, שֶׁהֵם הָעֵינַיִם וְהַפֶּה וְכוּ'.

**וְזֶה בְּחִינַת שׁוֹבָבִ"ם** שֶׁבָּהֶם נוֹהֲגִים הַכְּשֵׁרִים לְהִתְעַנּוֹת וְלִצְעֹק לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְפִלּוֹת וּסְלִיחוֹת, כִּי בְּאֵלּוּ הַיָּמִים קוֹרִין בַּתּוֹרָה בְּעִנְיַן גָּלוּת מִצְרַיִם וּגְאֻלָּתָם שֶׁהָיָה עַל-יְדֵי צְעָקָה כַּנַּ"ל. וּכְמוֹ כֵן צְרִיכִין עַתָּה בַּגָּלוּת הַזֶּה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, "שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים", שֶׁעִקַּר כָּל הַצָּרוֹת וְהַגָּלֻיּוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלַן, הֵם עַל-יְדֵי חֶסְרוֹן הַדַּעַת, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת שׁוֹבָבִים, שֶׁכָּל אֶחָד הוֹלֵךְ בָּעוֹלָם כְּמוֹ מְשֻׁגָּע וְשׁוֹבָב מַמָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "וַיֵּלֶךְ שׁוֹבָב בְּדֶרֶךְ לִבּוֹ". וּכְשֶׁיָּבִין הָאָדָם בְּעַצְמוֹ כָּל זֹאת אֵיךְ הוּא שׁוֹבָב וּמְשֻׁגָּע מַמָּשׁ, כִּי הוֹלֵךְ אַחֲרֵי שְׁרִירוּת לִבּוֹ וְאֵינוֹ מִסְתַּכֵּל עַל תַּכְלִיתוֹ הַנִּצְחִי, **בְּוַדַּאי יָחוּס עַל עַצְמוֹ וְיִצְעַק הַרְבֵּה לַה' יִתְבָּרַךְ, וְעַל-יְדֵי-זֶה יִזְכֶּה, לְפִי בְּחִינָתוֹ, לְהוֹלִיד הַמֹּחִין וְהַדַּעַת, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה עִקַּר הַגְּאֻלָּה** בִּכְלָל וּבִפְרָט בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן כַּנַּ"ל.

**יז.** ראה בליקו"ה גילוח ד, ז-ח.

**יח.** ראה ליקו"מ תורה כ אות י"א, תורה ל"ו אות ב. וראה בשער הפסוקים פרשת שמות: הנה משה רבינו ע"ה הוא בחי' הדעת עצמו וכו' שהם בחי' כל בני ישראל שבאותו הדור דגלות מצרים כנזכר, ונמצאו כי כל ישראל וכו' הם ענפיו של מרע"ה.

דאס הייסט אז כלל ישראל.. משה רבינו האט געזאגט "**אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר**[יט]", אזוי שטייט א לשון, רש"י זאגט עס: "אכן נודע הדבר" – "**מה חטאו ישראל מכל שבעים אומות**", פארוואס ליידט כלל ישראל אזוי פיל? נאר "**מפני שיש בהם דלטורין**"; ס'איז דא ביי זיי מחלוקת'ן, און פון די מחלוקת'ן ווערט פארשטעלט דער צדיק. פון די מחלוקת'ן ווערט פארשטעלט דער צדיק.

דאס איז געווען גלות מצרים, אז דער צדיק איז פארשטעלט.

**און וואס איז די גאולה? אז מ'האט אנגענומען משה.**

משה רבינו האט זיבן טעג, זיבן טעג! זיך מתווכח געווען מיטן אויבערשטן, וועגן ער האט מורא געהאט אז מ'וועט אים נישט אננעמען. ער האט א גאנצע צייט מורא געהאט אז מ'וועט אים נישט אן נעמען - און דער אויבערשטער האט אים איינגערעדט און איינגערעדט, 'מ'וועט דיר אננעמען!'.

און משה רבינו האט נישט גערעדט סתם, ווייל אזוי איז טאקע געווען שפעטער... ער האט זיי ארויס גענומען פון מצרים, א גאנצע צייט איז געווען ניסיונות, א גאנצע צייט האט מען גערעדט אויף משה. צום סוף, נישט זיי זענען אריין אין ארץ ישראל, און נישט משה איז אריין אין ארץ ישראל. ס'איז געשעהן טאקע א גרויסע אומגליק אין יענע דור.

---

**יט.** ראה ליקו"ה ברכות השחר ה, צ"א: ..מֹשֶׁה רָאָה מְרִירַת הַגָּלוּת וְנָתַן לֵב לָזֶה, וְרָאָה שֶׁעִקַּר הַגָּלוּת עַל-יְדֵי עֲוֹנוֹת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַתִּקּוּן עַל-יְדֵי תְּשׁוּבָה וְעִקַּר הָעִכּוּב שֶׁל הַתְּשׁוּבָה הוּא הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁל הַחוֹלְקִים עָלָיו שֶׁמִּתְגַּבְּרִים כְּנֶגְדּוֹ מְאֹד כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **"אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שְׁמוֹת רַבָּה פֶּרֶק א) שֶׁנּוֹדַע לוֹ סוֹד הַגָּלוּת שֶׁהוּא בִּשְׁבִיל הַחוֹלְקִין וְהַדֵּלָטוֹרִין** הַיְנוּ שֶׁהֵבִין שֶׁהָיָה לוֹ כֹּחַ לְהָשִׁיב יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה כִּי רֹב הֲמוֹן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיוּ שׁוֹמְעִים אֵלָיו, אַךְ עִקַּר הָעִכּוּב הוּא עַל-יְדֵי בְּחִינַת דָּתָן וַאֲבִירָם שֶׁעוֹמְדִים כְּנֶגְדּוֹ בְּכָל פַּעַם כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וכו' וְכֵן הוּא בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, עַל-כֵּן כְּשֶׁרָאָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁמֹּשֶׁה נוֹתֵן לֵב לָזֶה לְהִצְטַעֵר בְּצָרָתָם וְרוֹאֶה הֵיטֵב בְּסִבְלוֹתָם וְאֵיךְ שֶׁקָּשֶׁה מְאֹד לְתַקֵּן וּלְגָאֲלָם, עַל-כֵּן גִּלָּה לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ סוֹד פָּרָשַׁת נְדָרִים וכו', עיי"ש.

משה רבינו האט געזעהן די שוועריקייט פון די זאך, ער האט געזעהן... האט ער געזאגט: "**שלח נא ביד תשלח**[כ]" – "איך זע איך וועל נישט ענדיגן די זאך, איך וועל נישט מצליח זיין צו ענדיגן די זאך, ווייל איך ווער נישט אנגענומען ביי כלל ישראל, איך וועל נישט אנגענומען...".

האט אים דער אויבערשטער געזאגט: "מ'דארף אנהויבן, מ'דארף אנהויבן! וועסט נישט ענדיגן, וועסטו עס ענדיגן שפעטער..." - "**מַ'ה שֶּׁ'הָיָה ה'וּא שֶׁיִּהְיֶה**[כא]", דער זעלבער גואל הראשון איז דער גואל האחרון. ס'פירט זיך אויס מדור לדור, משה קומט אראפ אין יעדן דור ("אתפשטותא דמשה בכל דרא").

דאס אלץ אין זוהר הקדוש און אין אלע הייליגע ספרים ווערט גערעדט די זאך[כב] - אז משה איז ממשיך ווייטער, משה איז דא מדור לדור, דער צדיק איז דא מדור לדור. ס'טוט זיך! בהעלמה טוט זיך א המשך פון די גאנצע זאך[כג]...

---

**כ.** ראה בליקו"ה גזילה ה, י"ב: **וְעַל כֵּן כְּשֶׁהֵבִין מֹשֶׁה שֶׁלֹּא יִגְמֹר הַגְּאֻלָּה לַהֲבִיאָם לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מֵאֵן בִּשְׁלִיחוּתוֹ לְגַמְרֵי וְה' יִתְבָּרַךְ טָעַן עִמּוֹ שִׁבְעָה יָמִים וּלְבַסּוֹף אָמַר, "שְׁלַח נָא בְּיַד תִּשְׁלָח", כִּי יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁאֵינִי גּוֹאֲלָם לֶעָתִיד**. אֲבָל ה' יִתְבָּרַךְ הִכְרִיחוֹ לֵילֵךְ וְאָמַר לוֹ, אִם אֵין אַתָּה גּוֹאֲלָם אֵין מִי שֶׁיִּגְאָלֵם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ בַּמִּדְרָשׁ (מדרש רבה ויקרא א, ה). כִּי אַף עַל פִּי כֵן אַתָּה מֻכְרָח לֵילֵךְ בַּשְּׁלִיחוּת וְתַצְלִיחַ בִּשְׁלִיחוּתְךָ וְתִגְאָלֵם וְתִתֵּן הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל וכו', וְאִם לֹא תוּכַל לַהֲכְנִיסָם לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מֵחֲמַת עִנְיָן הַנַּ"ל, אַף עַל פִּי כֵן כָּל מַה שֶׁתִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה וכו'. כִּי בֶּאֱמֶת מֹשֶׁה הִתְחִיל וְגָמַר וְגַם סוֹף כָּל סוֹף יִגְמֹר הַכֹּל בִּשְׁלֵמוּת, כִּי מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה וּמַה שֶּׁנֶּחְסַר עַל יָדָם נִשְׁלַם עַל יָדָם. עַל כֵּן הִכְרִיחוֹ לֵילֵךְ וּלְגָאֳלָם וְכֵן עָשָׂה וְהִצְלִיחַ.

**כא.** קהלת א, ט.

**כב.** ראה בשל"ה הק' פרשת ואתחנן (תורה אור ג') ובשער הפסוקים להאריז"ל פרשת ויחי, ובהקדמת הביאור הליקוטים ד"ה ואצילות רוחו דמשה וכו' ובחכמה ובינה בהקדמה ובאות ל"א, ובביאוה"ל תורה ז' תניינא אות ס"ז.

**כג.** ראה ליקו"ה נטילת ידיים ו, ט"ו: וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת פֶּסַח שֶׁהוּא הַגְּאֻלָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁהָיְתָה עַל-יְדֵי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ שֶׁהוּא עִקַּר בְּחִינַת הָרַבִּי הָאֲמִתִּי הַנַּ"ל וכו'. **וְכֵן עַתָּה בַּגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה כָּל תִּקְוָתֵנוּ וְכָל גְּאֻלָּתֵנוּ וּפְדוּת נַפְשֵׁנוּ שֶׁאָנוּ מְקַוִּים וְעוֹסְקִים לְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ בְּכָל יוֹם בִּבְחִינַת קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְּאָלָהּ וְכוּ' הַכֹּל הוּא בְּכֹחַ הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת הָאֵלּוּ שֶׁהֵם בְּחִינַת מֹשֶׁה** שֶׁהוּא הָיָה הַגּוֹאֵל הָרִאשׁוֹן וְהוּא יִהְיֶה הַגּוֹאֵל הָאַחֲרוֹן בִּבְחִינַת מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה. וְהוּא גַּם עַתָּה בְּגָלוּתֵנוּ עִמָּנוּ, כִּי אִתְפַּשְּׁטוּתֵי בְּכָל דּוֹר וָדוֹר וּמֵאִיר בָּנוּ עַל-יְדֵי צַדִּיקֵי אֱמֶת וכו'.

אבער דאס איז די מעשה! דאס איז די מעשה - אז דער צדיק איז פארשטעלט, דער צדיק איז זייער פארשטעלט! און דאס איז דער עיקר גלות! דער עיקר גלות!!!

דער רבי זאגט[כד] אז ווינטער דעמאלט'ס איז די צייט וואס מ'שפירט דעם גלות. דער ווינטער איז א 'עיבור' און דער קיץ איז 'לידה', דעמאלט'ס, יציאת מצרים איז א לידה. דער עיקר גלות שפירט מען ווינטער, [און] דער עיקר איז שובבי"ם.

נאך חנוכה הויבט זיך אָן "תקופת טבת", א תקופה וואס מ'שפירט שטארק דעם חושך... ווער ס'האט שכל איז מרגיש דעם חושך, און ער שרייט צום אויבערשטן. ער איז מרגיש דעם חושך, ער שפירט אז מ'דארף שרייען...

און דאס איז דער חושך - דער חושך איז דער פינסטערניש וואס דער צדיק איז פארשטעלט.

מ'דארף אסאך אסאך שרייען צום אויבערשטן אויף דעם!

אסאך שרייען צום אויבערשטן!

**"רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זוכה זיין, איך מיט מיינע חברים זאלן זוכה זיין צו וויסן פון דעם הייליגן רעבן. העלף מיר איך זאל זיך צוזאמען נעמען מיט מיינע חברים, צוזאמען זאל מען מרגיש זיין דעם**

---

ובהל' אונאה ג, ה: **וְעִקַּר כָּל הַגְּאֻלּוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וְגַשְׁמִיּוּת בִּכְלָל וּבִפְרָט הֵם עַל־יְדֵי משֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק־הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר**, כִּי אִתְפַּשְּׁטוּתָא דְמשֶׁה בְּכָל דָּרָא וְדָרָא, כִּי מַה שֶּׁהָיָה הוּא שֶׁיִּהְיֶה, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, **וְהוּא גַּם־כֵּן גּוֹאֵל יִשְׂרָאֵל בְּכָל דּוֹר וָדוֹר וּמוֹשִׁיעַ לָהֶם מִכָּל צָרוֹתֵיהֶם בְּכָל עֵת** וכו'.

**כד.** ראה שיחות הר"ן צ"ח: חֹרֶף הוּא בְּחִינַת עִבּוּר, וְקַיִץ הוּא בְּחִינַת לֵדָה. וְאָז דִּבֵּר עִמָּנוּ שִׂיחָה נִפְלָאָה וְנִשְׁכַּח הָרֹב וּמַה שֶּׁאֲנִי זוֹכֵר עֲדַיִן הוּא מַה שֶּׁדִּבֵּר אָז מֵעִנְיַן הַקַּיִץ שֶׁהָיָה אָז מְמַשְׁמֵשׁ וּבָא. כִּי שִׂיחָה זוֹ הָיְתָה אָז בִּימֵי נִיסָן קֹדֶם פֶּסַח וכו', וְדִבֵּר אָז שֶׁבַּחֹרֶף כָּל הָעֲשָׂבִים וְכָל הַצְּמָחִים כֻּלָּם מֵתִים. כִּי בָּטֵל כֹּחָם בַּחֹרֶף וְהֵם אָז בִּבְחִינַת מִיתָה. וּכְשֶׁבָּא הַקַּיִץ כֻּלָּם נִתְעוֹרְרִים וְחַיִּים וְאָז טוֹב וְיָפֶה מְאֹד כְּשֶׁיּוֹצְאִים לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה וכו'.

רעבן... ס'זאל ארייינקומען דעם רעבנ'ס ליכטיגקייט, מ'זאל קענען איינעם מיטן אנדערן רעדן פון רעבן...".

## דער רבי איז צווישן מיינע חברים!

מ'דערציילט אז די תלמידים פון רבי אברהם ב"ר נחמן'ס איז געווען צווישן זיי אזא אהבה... ס'האט געקאכט אין זיי דער רבי! זיי האבן זיך אפגעזוכט איינעם דעם אנדערן אין גאס צו קענען רעדן... יעדער איינער האט געשפירט; ס'ברענט אין אים דער רבי, ער דארף מיט איינעם רעדן, ער האט אפגעזוכט זיינע חברים אפגעזוכט, אוואו... אָה! מ'האט זיך געטראפן אינמיטן גאס, מ'האט זיך געשטעלט רעדן, מ'האט פארגעסן אוואו מ'געפינט זיך אויף דער וועלט...

אזא אהבה איז געווען צווישן זיי! פון רוב דעם הרגש פון רעבן, איז אזוי ווי איין מענטש זענען זיי געווען - 'כאיש אחד בלב אחד' זענען זיי געווען.

**און דאס דארף זיין. דער הרגש דארף זיין צווישן אונז, צווישן די חברים דא, דער הרגש דארף ארייינקומען.** יעדער איינער, יעדער חבר, דארף אפזוכן זיינע חברים, און רעדן פון רעבן, און זיך מחיה זיין מיטן רעבן. רעדן פון רעבן'ס גרויסקייט; איך וויל רעדן פון אונזער שמחה, פון אונזערע אוצרות, פון אונזער הצלחה - איך וויל רעדן פון דעם!

"מיט וועמען וועל איך רעדן? מיט מענטשן וואס זיי לאכן פון דעם?! מיט מענטשן וואס ווייסן נישט וואס איך וויל בכלל?!" - איך וועל זוכן מיינע פָּאר חברים, די תמימים, צו קענען רעדן מיט זיי די הייליגע דיבורים, די אמת'ע דיבורים.

מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן אויף דעם!

**אוואו איז דער רבי? - דער רבי איז צווישן מיינע חברים! אז מיר וועלן זיך צוזאם נעמען, זיין צוזאמען - דארטן וועט נתגלה ווערן די ליכטיגקייט פון רעבן!**

אונז זענען אלע חלקים, אונז זענען אלע חלקי נשמות פון רעבן, ענפים פון רבי'ן זענען מיר אלע - צוזאמען ווערט נתגלה די גאנצע זאך!

ס'איז א אנדער יציאת מצרים! ס'איז א אנדער פסח!

בשעת מ'שרייט זיך אויס ווינטער, שרייט מען זיך אויס אויף יציאת מצרים, ס'איז א אנדער פסח אינגאנצן! ס'איז א אנדער יציאת מצרים! ס'איז א אנדער פורים! פורים איז די התחלה - דער רבי זאגט אז פורים איז די התחלה, פורים איז די התחלה אויף פסח, דורך פורים איז מען זוכה צו פסח.

דאס אלעס הויבט זיך אן אין די צייטן, אין די צייט וואס מ'שרייט צום אויבערשטן - מ'זאל געראטעוועט ווערן פון די קליפת המן עמלק, מ'זאל געראטעוועט ווערן פון די קליפה פון פרעה.

רבי נתן רעדט אן א שיעור מאל אין ליקוטי הלכות, אז עמלק איז "**רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק**[כה]", עמלק איז דער 'ראש', דער ראש הקליפות. און פרעה איז דער 'עורף'. אזוי שטייט אין כתבי האר"י אז פרעה איז מקבל פון עמלק. אזוי שטייט, אז דער שר פון מצרים איז "אדום - עמלק", ער איז דער שר פון מצרים, מצרים זענען מקבל פון דארט.

גאולה ראשונה זענען מיר נישט ניצול געווארן פון עמלק, מ'איז נאר ניצול געווארן פון פרעה וואס ער איז יונק פון עמלק[כו]. אבער היינט - אז ס'איז דא

**כה.** ראה אוצר היראה פורים פ"ט: עֲמָלֵק הוּא בְּחִינַת אֲבִי אֲבוֹת הַטֻּמְאָה, וְכָל הַמַּלְכֻיּוֹת דְּסִטְרָא־אָחֳרָא מְקַבְּלִין מִשָּׁם, כִּי הוּא כְּלַל כֻּלָּם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק" (עפ"י הל' נזקי ממון ה"ב). ובליקו"ה הל' ע"ז ג, י"ד: כִּי רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק, כִּי עֲמָלֵק הוּא רֵאשִׁית וּכְלַל כָּל הַגּוֹיִים שֶׁהֵם הַקְּלִפּוֹת וְהַדִּמְיוֹנוֹת הַבָּאִין מִכֹּחַ הַמְדַמֶּה, וְהוּא הָעִקָּר שֶׁמִּתְגַּבֵּר וּמִתְפַּשֵּׁט מְאֹד מְאֹד בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא וכו'.

**כו.** ראה ליקו"ה נחלות ד, י"ד: וְעַל כֵּן נִקְרָא עֲמָלֵק רֵאשִׁית בְּחִינַת רֵאשִׁית גּוֹיִם וְכוּ', כִּי הוּא רוֹצֶה לְהִתְגַּבֵּר כְּנֶגֶד בְּחִינַת רֵאשִׁית, שֶׁהוּא בְּחִינַת בְּכוֹר וכו' **וּמִשָּׁם מִבְּחִינַת רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק, מִשָּׁם הָיְתָה יְנִיקַת בְּכוֹרֵי מִצְרַיִם, כִּי עֲמָלֵק כּוֹלֵל כָּל הָעַכּוּ"ם** וּבִפְרָט מִצְרַיִם, **כִּי שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם הוּא אֱדוֹם שֶׁהוּא עֲמָלֵק**. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי שֶׁהִכָּה ה' בְּכוֹרֵי מִצְרַיִם עַל יְדֵי זֶה נִפְסַק וְנִתַּק יְנִיקַת מִצְרַיִם מִבְּחִינַת קְלִפַּת עֲמָלֵק שֶׁכָּל הַגָּלֻיּוֹת עַל יָדוֹ וכו' אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁעֲמָלֵק בְּעַצְמוֹ לֹא נָפַל עֲדַיִן רַק שֶׁנִּפְסַק יְנִיקַת פַּרְעֹה וּמִצְרַיִם מִמֶּנּוּ עַל יְדֵי הֲרִיגַת הַבְּכוֹרִים וְכַנַּ"ל עַל כֵּן אַחַר כָּךְ אַחַר

פורים, וואס דער רבי זאגט[כו] "און היינט"; און היינט איז דא דער פורים... **דער אור פון פורים וואס דאס איז דער גאולה אחרונה - איז מען ניצול, גייט מען ארויס פון עמלק אליין! מ'איז מכניע עמלק, מ'איז זוכה צו מחיית עמלק!**

ס'איז איין מעשה! דער פורים מיטן פסח איז גאר איין מעשה. און ס'איז אלעס געבונדן מיט די גאנצע תקופת טבת.

*

רבי נתן זאגט[כז] אין ליקוטי הלכות אז די "ארבע תקופות השנה" דאס איז אנטקעגן די "ארבע מחנות", די "ארבע דגלים", וואס זיי זענען געווען ארום דעם משכן - דגל מחנה יהודה, דגל מחנה אפרים, דגל מחנה ראובן, און די לעצטע; דער לעצטער דגל איז, דגל מחנה דן.

יעצט, עמלק איז רודף נאך "מחנה דן", אזוי שטייט, ער איז **'מאסף לכל המחנות'**, דער לעצטער מחנה. [קומט אויס:] אז עמלק איז זיך מתגבר, אין תקופת טבת איז זיך עמלק מתגבר, דעמאלט'ס איז.. דער עיקר כח פון עמלק איז אין תקופת טבת.

---

שֶׁיָּצְאוּ הִתְגַּבֵּר עוֹד וכו' וְכָל זֶה עַל יְדֵי קְלִפַּת עֲמָלֵק שֶׁחָזַר וְנִתְעוֹרֵר, כִּי הוּא מִתְעוֹרֵר וּמִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם. [..] וְעַל כֵּן אַחַר שֶׁנָּפַל פַּרְעֹה וְחֵילוֹ בַּיָּם לְגַמְרֵי אַחַר כָּךְ בָּא עֲלֵיהֶם עֲמָלֵק בְּעַצְמוֹ, **כִּי הוּא בְּעַצְמוֹ לֹא נִכְנַע עֲדַיִן** וכו' וְעַל כֵּן ה' יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ לוֹחֵם עִמּוֹ בְּכָל דּוֹר וכו'. (וראה גם ליקו"ה שוכר ג, י"ג)

**כז.** ראה ליקו"מ תנינא תורה ע"ג, ובליקו"ה הל' נטילת ידיים ו, ו. ובהל' ברכת הריח ד, כ"ה.

**כח.** ליקו"ה הל' ארבע פרשיות אות א: וְעַל-כֵּן עֲמָלֵק כָּרוּךְ תָּמִיד אַחַר שֵׁבֶט דָּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים" כַּנַּ"ל כָּל הַפּוֹגְמִים בַּבְּרִית, וּכְמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ מִזֶּה בַּמַּאֲמָר "וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים" (בְּסִימָן נו). כִּי שֵׁבֶט דָּן הוּא דֶּגֶל רְבִיעִי הָאַחֲרוֹן שֶׁבְּכָל הַדְּגָלִים, כִּי הוּא מְאַסֵּף לְכָל הַמַּחֲנוֹת וְהוּא בְּחִינַת רַגְלַיִן, וְעַל-כֵּן כָּרוּךְ שָׁם אַחֲרָיו מַלְכוּת עֲמָלֵק. וְעַל-כֵּן גַּם בִּבְחִינַת הַשָּׁנָה עִקַּר הִתְגַּבְּרוּתָם בַּתְּקוּפָה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁהִיא תְּקוּפַת טֵבֵת, שֶׁהֵם שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים הָאַחֲרוֹנִים מִן הַשָּׁנָה טֵבֵת, שְׁבָט, אֲדָר, כִּי אַרְבַּע תְּקוּפוֹת הַשָּׁנָה שֶׁל שְׁלֹשָׁה שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים הֵם כְּנֶגֶד אַרְבָּעָה דְּגָלִים שֶׁנֶּחֶלְקוּ י"ב שִׁבְטֵי יָ"הּ הַנַּ"ל. נִמְצָא, שֶׁעִקַּר הִתְגַּבְּרוּתָם בִּתְקוּפַת טֵבֵת כַּנַּ"ל.

דערפאר שטייט [כט] "**וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ.. בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי הוּא חֹדֶשׁ טֵבֵת**", אסתר איז גענומען געווארן צו אחשורוש, צוגענומען געווארן א אידישע טאכטער... היינט רעדט מען פון גזירות פון "**גיוס בנות**" רח"ל - ביי אחשורוש'ס צייטן איז געווען געפערליך, דרייט זיך א טרייפענער מלך, און ער וויל פשוט... די גאנצע מדינה וויל ער פאר ווייבער, פשוט, רחמנא ליצלן, א גרויסן 'גיוס בנות'.

'ותלקח אסתר' – עס איז צוגענומען געווארן די צדקת פון דור, די צדקת פון דור. ותלקח אסתר! ותלקח אסתר בחודש העשירי! - חודש טבת, האט זיך מתגבר געווען די קליפה פון עמלק. מ'האט גענומען אסתר צו אחשורוש...

שטייט, אז וואס הייסט אחשורוש? "**אחיו של ראש**", "**בן גילו של ראש**" - פון 'ראשית גוים עמלק'. ער איז געווען מחובר צו די עצות פון עמלק'ן, ער האט זיך מתגבר געווען, מיט די כח פון עמלק האט ער זיך מתגבר געווען.

די גמרא זאגט [ל] "**אסתר מן התורה מנין? - ואנוכי הסתר אסתיר**". דער גרעסטער 'הסתר פנים' איז געווען דעמאלט'ס, א שרעקליכער הסתר פנים! אזא הסתר פנים, מ'נעמט פשוט נשים צדקניות, די צדקת פון דור, מ'נעמט צו, אזעלכע זאכן... אזא התגברות הקליפות, וואס ס'איז געווען דעמאלט'ס... דאס איז אלץ געווען די התגברות פון עמלק.

---

**כט.** ראה שם: וְזֶה בְּחִינַת וַתִּלָּקַח אֶסְתֵּר אֶל הַמֶּלֶךְ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי הוּא חֹדֶשׁ טֵבֵת (אסתר ב, ט"ז), כִּי אֶסְתֵּר הִיא בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה, (כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה). וְעִקַּר הִתְגַּבְּרוּתָם בַּחֹדֶשׁ הָאַחֲרוֹן וְהַסּוֹף שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה שֶׁהוּא חֹדֶשׁ אֲדָר, וְעַל-כֵּן אָז הִתְגַּבֵּר הָמָן, שֶׁהוּא מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, מַלְכוּת עֲמָלֵק.

**ל.** ראה ליקו"ה פורים ה, י"א: וְהַהַסְתָּרָה הַזֹּאת וכו' זֶה בְּחִינַת אֶסְתֵּר שֶׁנִּלְקְחָה לְבֵית הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, כִּי אֶסְתֵּר הִיא בְּחִינַת הַסְתָּרָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אֶסְתֵּר מִן הַתּוֹרָה מִנַּיִן? שֶׁנֶּאֱמַר, "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר וְכוּ'". כִּי אֶסְתֵּר הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וְטוֹבַת מַרְאֶה, כִּי חוּט שֶׁל חֶסֶד מָשׁוּךְ עָלֶיהָ, כִּי נִמְשַׁךְ עָלֶיהָ יֹפִי וְחֵן מִפָּנִים הָעֶלְיוֹנִים מִבְּחִינַת שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְשִׁבְעִים נְהוֹרִין שֶׁל אוֹר הַפָּנִים הָעֶלְיוֹנִים. נִמְצָא שֶׁאֶסְתֵּר הִיא בְּחִינַת הַפָּנִים הָעֶלְיוֹנִים שֶׁנִּסְתְּרָה בְּהֶסְתֵּר וְהֶעְלֵם גָּדוֹל שֶׁנִּתְעַלְּמָה הַקְּדֻשָּׁה כָּל כָּךְ עַד שֶׁנִּלְקְחָה אֶסְתֵּר הַצַּדֶּקֶת לְבֵית הַמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וכו'.

אבער מרדכי האט נישט אפגעלאזט, מרדכי שטייט "**וַיְהִי אֹמֵן אֶת הֲדַסָּה**", ער האט אכטונג געגעבן אויף איר א גאנצע צייט, נישט אפגעלאזט, נישט אפגעלאזט, מרמז געווען... ער האט איר א גאנצן צייט "**יֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ**", ער האט איר א גאנצע צייט מרמז געווען ווי אזוי זיך צו מחזק זיין[לא].

און שפעטער האט מרדכי אריינגעברענגט אין גאנצן דור צו שרייען צום אויבערשטן, און מיט דעם האט זיך געגעבן א דריי איבער. "**וְנַהֲפוֹךְ הוּא**", ס'האט זיך געגעבן א דריי איבער די קליפה פון עמלק. **ס'האט זיך געגעבן א קער איבער, און ס'איז געווארן א ישועה נפלאה!**

ס'איז א מעשה; דאס איז א מעשה! א טיפע מעשה וואס האט זיך אפגעטאן דעמאלט'ס, און ס'טוט זיך היינט ווייטער - ס'האלט זיך אין איין טאן...

און דאס איז די עבודה יעצט אין די ימי השובבי"ם - תקופת טבת, ס'איז א עבודה, א גרויסע עבודה וואס מ'איז עוסק. סיי אין דעם ענין פון יציאת מצרים און סיי אין די הכנה פון פורים - דאס איז איין מעשה!

ווער ס'גלויבט אין צדיקים, גלויבט אין סודות התורה - גלויבט אז יעצט אינמיטן ווינטער אוואו מיר שטייען - דא טוט זיך... דא קומט ארויס די חשכות, און דא דארף מען שרייען צו ארויס גיין פון די חשכות... און אז מ'שרייט ווערט א ליכטיגקייט, ווערט א גרויסע ליכטיגקייט!

וואס איז די ליכטיגקייט? - ס'ווערט נתגלה דער "אור הצדיק"! מיר האבן פאר געלערנט פון ליקוטי הלכות[לב] - א פאר מאל שוין איבער געזאגט - אז דער דעת איז נגד העיניים, דער דעת פון צדיק איז אנטקעגן די אויגן; אבער מ'זעהט עס נישט מחמת חשכות, די אלע מחלוקת'ן וואס דער צדיק איז נעלם, זעהט מען עס נישט...

---

**לא.** ראה ליקו"מ תורה נ"ו.

**לב.** ראה בהל' כלאי בגדים הלכה ד' המיוסדת על תורה קל"ג.

אבער אז מ'שרייט צום אויבערשטן ווערט עס נתגלה, ס'ווערט נתגלה די ליכטיגקייט פון צדיק! די ליכטיגקייט פון מרדכי, די ליכטיגקייט פון משה רבינו וואס האט ארויס גענומען די אידן פון מצרים... ס'ווערט נתגלה דער אור הצדיק, היינט, ס'ווערט היינט נתגלה די גאולה!

**דאס איז די גאולה, דאס איז א מעשה אמיתי - דאס איז אונזער מעשה, דאס איז אונזער מעשה!**

## א אמת'ער גוטער פריינד

אבער די מעשה איז נישט קיין מעשה פאר עפעס א יחיד, ס'איז א מעשה וואס טוט זיך מיט כלל ישראל, און דאס טוט זיך בעיקר פאר די מקורבים צום צדיק. וואס זיי זענען די ערשטע פון די גאולה, זיי זענען די ערשטע וואס זיי זענען זוכה, און בכוחם וועט זיין די גאולה פאר גאנץ כלל ישראל[לג].

איז די נפשות וואס זענען מקורב צום צדיק, דארפן זיך זייער שטארקן - זייער שטארקן מיט א שטארקע אהבת חברים, צו ממשיך זיין דעם אור הצדיק צווישן זיך.

אדרבה, זאל מיר איינער זאגן פארוואס נישט - ער זאגט, ס'איז דא שוועריקייטן... - אבער פארוואס זאל מען זיך נישט שטארקן אין דעם ענין? פארוואס זאל די זאך זיין מזולזל ביי אונז?!

וואס טראכטן מיר? מ'טראכט אז יעדער איינער וועט פאר זיך אליין מצליח זיין צו אריין ברענגען דעם רבי'ן פאר זיך אליין?! אויב מ'וועט נישט האבן קיין חברים צו רעדן פון רעבן, אמת'ע חברים, ווי אזוי וועט מען אריין ברענגען אין זיך דעם רעבן?!

א גרויסע צעקה; מען דארף אסאך שרייען צום אויבערשטן!

---

**לג.** ראה בליקוטי הלכות הל' נטילת ידיים ו, פ. ובהל' פריה ורביה ה, ט-י. ובהל' אונאה ג, א.

אסאך שרייען צום אויבערשטן: "רבש"ע העלף מיר העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו באקומען חברים, צו קענען מקבל זיין דעם רעבן!"

יעדער איינער זאל זיך אליין פרעגן - איך דארף נישט פרעגן קיינעם - זיך אליין פרעגן: "וויפל האסטו שוין מתפלל געווען אויף דעם? וויפל האסטו שוין מתפלל געווען צום אויבערשטן, אז דו זאלסט האבן חברים אויף צו מקבל זיין דעם רעבן?!".

מ'זעהט עס בחוש - איך האב עס שוין געזאגט דא מער ווי איין מאל - מ'זעהט עס בחוש, [דער חילוק] צווישן יונגעלייט און עלטערע. מ'זעהט אז די וואס האבן זיך מרגיל געווען פון די בחור'ישע יארן, צו זיין מיט חברים אין רבין'ס זאך - האבן א אנדער המשך שפעטער. ס'איז א אנדער זאך אינגאנצן!

ס'איז א אנדער זאך אינגאנצן; מ'האט א חבר וואס מ'קען רעדן מיט אים בתמימות, 'אין לך דבר גדול מזה!' - א חבר וואס מ'קען רעדן מיט אים 'דברים היוצאים מן הלב'. איינער מיטן אנדערן זאלן קענען רעדן דברים היוצאים מן הלב, אָן קיין 'אחד בפה ואחד בלב'; רעדן פשוט דברים היוצאים מן הלב...

ס'איז דאך א חיות! ס'איז דאך א שמחה!

דער רבי האט דאך געזאגט אויף התבודדות[לד]: "**אז דער אויבערשטער העלפט איז די התבודדות אזוי ווי מ'רעדט זיך אויס פאר א אמת'ן גוטן פריינד**". איז דאך דא אזא סארט זאך א 'אמת'ער גוטער פריינד'... א אמת'ער גוטער פריינד!

**"רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו האבן אמת'ע גוטע פריינד, איך זאל קענען רעדן אמת'ע דיבורים מיט זיי!"**

און מיר זענען באמת, אמת'ע גוטע פריינד... מיר האבן איין רעבן, מיר קומען ארויס פון איין שורש. ס'איז נישט מ'דארף זיך גיין מאכן עפעס

---

**לד.** ראה כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות ד.

חברים, מ'דארף נישט גיין מאכן חברים. בחורים קומען זיך צוזאמען אין א ישיבה, מהיכי תיתי, וואס איז דער קשר? א קבוצה בחורים קומען זיך צוזאם אין איין ישיבה, מארגן האבן זיי חתונה, קענען זיי זיך בכלל נישט איינער דעם צווייטן...

אבער דא רעדט מען פון א קבוצה בחורים וואס זיי האבן איין רעבן, איין רבי'ן לעולמי עד ולנצח נצחים! ס'איז דאך א אנדער מעשה אינגאנצן, ס'איז דאך מיינע 'בני גיל' פון התקרבות צום רבי'ן אויף א גאנצן לעבן, אויף די וועלט און אויף יענער וועלט... - ס'איז עפעס א אנדער זאך אינגאנצן!

ס'האט נישט קיין דמיון, ס'איז נישטא נאך אזא זאך... ס'איז א מוראדיגע הזדמנות! **מ'דארף עס נישט ממציא זיין, ס'איז פשוט - מ'דארף עס נאר מוציא זיין מכח אל הפועל.**

מ'האט געהאט אנגעהויבן צו רעדן בשעתו פון "שמחה" [און מ'וועט נאך ממשיך זיין בעזר השם, אין (ספר) "כוכבי אור"] - אבער די גאנצע זאך פון שמחה, מ'זעהט עס במציאות, אז ביז א מענטש האט נישט די זאך פון אהבת חברים, פארשטייט ער נישט וואס מ'רעדט, ער פארשטייט פשוט נישט וואס מ'רעדט...

אזוי ווי איינער וואס ער הערט נעבאך נישט, ביסטו אים מסביר וואס הייסט א ניגון... ביסט מסביר פאר איינעם וואס זעהט נישט גוט, ביסטו אים מסביר; ס'איז דא מענטשן וואס זעהען נישט קיין קאלירן, וועסטו אים מסביר זיין וואס הייסט קאלירן, וואס הייסט א צבע, ער ווייסט נישט וואס מיינט א פארב... ער ווייסט נישט וואס דאס הייסט!

ביז ס'צינדט זיך נישט אן די 'אהבת חברים' ווייסט מען נישט פון וואס מ'רעדט. די שמחה! די אידישקייט איז א שמחה, א שמחה... - וואס איז די שמחה? לשמחה מה זו עושה? וואס איז די גרויסע געשעפט דא?! - [אבער] **אז מ'האט אהבת חברים ווערט מען א נייער מענטש, מ'ווערט בריות חדשות** (סיי אין דעם ענין פון שמחה, און אזוי אין אלע ענינים)**!**

## א שפראך פון מקורבים צום צדיק

[שואל: וואס מיינט אהבת חברים?] אהבת חברים, אז מ'זאל זיין 'כאיש אחד בלב אחד'. [ש: אין וואספארא ענין?] אין רבי'ן'ס זאך, רעדן איינער מיטן אנדערן.

[ש: רעדן צוזאמען?] יא, יא! מ'זאל רעדן איינעם מיטן צווייטן, מ'זאל האבן א געפיל איינעם צום אנדערן...

דער רבי זאגט, אין תורה י"ג זאגט דער רבי, אז די נפשות קומען זיך צוזאמען ביים צדיק, דער צדיק איז זיי מעלה די נפשות, און ער איז זיי כולל בבחינת "עיבור"; ער מאכט זיי אזוי ווי איין נפש, מאכט ער זיי.

זאגט דער רבי, שפעטער קומען זיי צוריק, זיי קומען אראפ. דער צדיק איז זיי כולל און מַעֲלֶה, שפעטער אז זיי קומען אראפ אויף צוריק...

זאגט דער רבי: "אַחַר כָּךְ כְּשֶׁכָּל אֵלּוּ הַנְּפָשׁוֹת חוֹזְרִים מֵעִבּוּר הַנַּ"ל, וְעַל יְדֵי הַכְּלָלִיּוּת נִתּוֹסֵף בָּהֶם אַהֲבָה זֶה לָזֶה, וְאָז מְעוֹרְרִין אֵלּוּ לְאֵלּוּ וְאוֹמְרִים זֶה לָזֶה וּמַזְכִּירִין זֶה אֶת זֶה: אָחִי, שֶׁמָּא שָׁבַקְתָּ אֵיזֶה מִדָּה בָּעוֹלָם הַזֶּה, שֶׁעֲדַיִן הִיא מוֹשֶׁלֶת עָלֶיךָ וְאֵין אַתָּה יָכוֹל לְהִתְגַּבֵּר עָלֶיהָ. וְנֵיתֵי אֲנָא וְנִתְחַבְרֵהּ - הַיְנוּ אֲסַיֵּעַ לְךָ לְכַלּוֹת אֶת הַמִּדָּה הַזֹּאת מִמְּךָ" [לה].

האסט געהערט אמאל א חבר זאגט, "אפשר קען איך דיר עפעס העלפן?" - פשוט ער האט א הרגש, ער וויל העלפן זיין חבר.

ענטפערט אים דער אנדערער - "וְהֵשִׁיב לוֹ: פּוּק חֲזִי גְּבוּרְתָּא דְּמָרָךְ שֶׁהוּא הֶחָכָם הַנַּ"ל; רְאֵה כַּמָּה כֹּחוֹ גָּדוֹל דַּאֲפִלּוּ כִּמְלֹא חוּטָא דְּחָלָא לֵית דְּעָבַר - פֵּרֵשׁ רַבֵּנוּ שְׁמוּאֵל: אֲפִלּוּ כִּמְלֹא רֹחַב הַחוּט לֹא יָכֹלְתִּי לָצֵאת חוּץ מִן הַחוֹל; פֵּרוּשׁ: אַתְּ שׁוֹאֶלֶת אוֹתִי, שֶׁמָּא שָׁבַקְתִּי מִדָּה בָּעוֹלָם שֶׁעֲדַיִן לֹא תִּקַּנְתִּי אוֹתָהּ - תֵּדַע

**לה.** וראה שם בביאור הליקוטים אות ד'.

חֲבֶרְתִּי, שֶׁעֲדַיִן אֲנִי מְשֻׁקָּע בְּכָל הַתַּאֲווֹת וַעֲדַיִן לֹא יָצָאתִי מִן הַחוֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כִּמְלֹא חוּט, וּבְוַדַּאי מִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגָה כָּזֹאת בְּוַדַּאי לֵית דְּעָבַר - הַיְנוּ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָבוֹא לִבְחִינוֹת עִבּוּר הַנַּ"ל; וְאַף עַל פִּי כֵן פּוּק חֲזֵי גְּבוּרְתָּא דְּמָרָךְ - הַיְנוּ כֹּחַ הֶחָכָם שֶׁכָּל כָּךְ כֹּחוֹ חָזָק שֶׁאֲפִלּוּ נֶפֶשׁ שֶׁלִּי הֶעֱלָה בְּעִבּוּר".

צוויי חברים פאָרן צוזאמען צום רעבן, צוויי חברים זענען זיך מקבץ ביים רבי'ן, דער רבי איז זיי מַעֲלֶה צוזאמען.

הויבט אן איינער צו רעדן מיטן אנדערן: "אפשר קען איך דיר העלפן אין עפעס א מדה? אפשר איז דיר נאך געבליבן עפעס א זאך וואס איך קען דיר העלפן?!"

זאגט אים דער אנדער'ער: "פרעגסט צו אפשר דארף מען מיר אין איין פרט העלפן? איך בין נאך נישט ארויס געגאנגען 'מחול אל הקודש אפילו כמלא החוט', א חוט השערה בין איך נאך נישט ארויס מחול אל הקודש... אבער קוק, קוק וואספארא כח דער צדיק האט, אז אפילו אזעלכע נידריגע מענטשן ווי מיר, איז ער זיי אויך מַעֲלֶה בעיבור".

נו, זעהט איר וואספארא שפראך, א שפראך פון צוויי חברים ביים צדיק...

ווי אזוי ווערט עס? דער צדיק איז זיי כולל, דער צדיק מאכט זיי פאר איינס.

מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן אויף דעם, פשוט בעטן דעם אויבערשטן מ'זאל זוכה זיין... אבער ס'איז א זאך וואס ס'איז דא, במציאות!

מען טאר נישט בלייבן אזוי קאלט, מ'טאר נישט בלייבן אזוי יעדער איינער פאר זיך איינציגווייז. אז נישט איז די זאך זייער ווייט, ס'איז נאך נישט דאס! ס'איז נאך נישט וואס ס'דארף זיין...

מיר האבן א גרויסן רעבן, מיר האבן א כח פון רעבן! - ס'איז נישט פשוט, מיר האבן כוחות וואס ס'איז אסאך גרעסער ווי מיר זענען אליין. מ'קען זיך נישט פארשטעלן וואספארא כוחות מיר האבן בכוח דעם רעבן!

דער רבי וויל מ'זאל נוצן זיינע כוחות! דער רבי וויל מ'זאל זיך פראבירן! - "פראבירט זיך! פראבירט זיך!"

דער רבי זאגט[לו]: "**דופיט אויף מיין כח**" (סמכו על כוחי) - פראבירט, פראבירט קוועטשן אויף מיין כח! קוועטשט! דריקט! - איר וועט זעהן...

ס'איז נישט קיין פשוט'ע מעשה, ס'איז א מעשה פון רעבן!

די מעשה פון די קיבוץ פון די נפשות, איז נישט קיין פשוט'ע מעשה! ס'איז א מעשה; דעם רבין'ס מעשה[לז]! דער רבי האט צאם געקליבן די נפשות, און דער רבי, מיט די נפשות גייט דער רבי באווייזן וואס דער רבי קען באווייזן...

אבער דער רבי דארף אונזער כח! דער רבי דארף אונזערע תפילות!

מיר דארפן מתפלל זיין אויף דעם! בעטן! גלויבן! גלויבן אז ס'איז דא באהאלטענע כוחות!

מ'דארף מתפלל זיין אויף דעם!

## בכח זיין חבר, האט ער זיך גרעטוועט פון טייוול!

ס'איז דא א "מעשה מחכם ותם[לח]" - געוועגדליך דער עיקר וואס מ'לערנט אין דעם איז, ווער איז געווען דער חכם, ווער איז געווען דער תם, יעדער איינער... (- מיט זיין וועג).

---

**לו.** ראה בחיי"מ רכ"ה ומובא בעל"ת מכתב שנ"ג ותכ"ט ועוד.

**לז.** ראה עלים לתרופה מכתב רל"ז: "שַׂמֵּחַ תְּשַׂמַּח נַפְשְׁךָ בְּנִי יְדִידִי, כִּי זָכִינוּ לִישׁוּעוֹת נִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד, אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִלִּהְיוֹת מִתְנַגֵּד עַל רַבִּי כָּזֶה, עַל לִמּוּד קָדוֹשׁ כָּזֶה; **עַל מַעֲשֶׂה כָּזֹאת הַנַּעֲשֶׂה עִמָּנוּ.. שִׂימוּ לְבַבְכֶם הֵיטֵב מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה בָּעוֹלָם,** וּבְכָל דּוֹר וָדוֹר נַעֲשִׂים נִפְלָאוֹת וְנוֹרָאוֹת, וְהָעִקָּר בְּעִנְיַן הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּאוֹתוֹ הַדּוֹר".

**לח.** סיפורי מעשיות מעשה ט', עיי"ש כל הסיפור.

אבער אז מ'לערנט גוט די מעשה, זעהט מען אז דער עיקר פון די מעשה איז, אז דער חכם מיטן תם איז געווען צווישן זיי "אהבת נעורים" [לט], א גרויסן אהבת נעורים איז געווען צווישן זיי. כאטש ער איז געווען א חכם - אבער איין זאך האט ער געהאט, ער האט געהאט די אהבת נעורים וואס ער האט געהאט מיטן תם.

און צוליב דעם, צום סוף האט דער חכם.. צום סוף - נאכדעם וואס ס'איז איבער געגאנגען מיט אים וואס ס'איז איבער געגאנגען - האט ער זוכה געווען צו ארויס גיין פון די הענט פונעם טייוול...

**אלעס בכח דעם חבר! בכח דעם חבר!**

ער איז שוין געווען אין שאול תחתית, האט ער געשריגן... אינמיטן האט ער געזעהן דער תם, האט ער געשריגן "**ברודער, ברודער! מ'פייניגט מיר!**"

דעמאלט'ס האט ער אים געזאגט (דער תם): "**קוק, קוק וויפל דו ליגסט אין דיינע חכמות...** קום איך וועל דיר ווייזן ווי דער 'בעל שם' קען דיר העלפן. דער בעל שם וואס דו לאכסט פון אים, ער קען דיר העלפן! דער בעל שם האט געזאגט אז דו זאלסט קומען מיט מיר".

ער (דער חכם) האט געזאגט פארן תם: "דו דארפסט קומען מיט מיר!" דער בעל שם האט נישט געקענט העלפן פאר דעם חכם אליין, נאר מיט דעם וואס דער תם איז מיט געקומען.

---

**לט.** ראה ברמזי המעשיות להרב מטשעהרין: וכן מובן מסיפור זה.. **גודל מעלת יקרת ההתחברות והאהבה עם הכשרים והתמימים**, כי ע"י שהחכם למד בימי נעוריו עם התם בחדר אחד והיו אוהבים זה את זה מאד עד שגם אח"כ כשבא החכם לעיר מולדתו בעגלות צב בגדולה ועשירות ובא לקראתו התם ושאל בשלומו באהבה ובשמחה וכו' אז מחמת אהבת נעורים שהיה ביניהם היה החכם מקרבו ונכנס עמו לתוך העיר והתם הכניסו אח"כ לביתו והיה לו כ"פ פתחון פה לפניו והוכיחו על שהוא מלא יסורים תמיד, עד שאמר לו בפה מלא מי יתן שתבוא אתה על מדריגה שלי וכו' כמבואר בפנים, ע"ז נתגלגל אח"כ עד שסוף כל סוף השתדל התם המיניסטער אצל הצדיק הבעל שם עד שהוציא את החכם מהרפש וטיט שהיה נטבע בו זה כמה ובירר לו האמת לעיניו עד שהוכרח החכם ג"כ להודות על האמת **והכל נתגלגל ע"י האהבה הגדולה שהיה לו עם התם בימי נעוריו** כנ"ל.

דאס איז דער כח; די אהבת חברים וואס ס'איז געווען צווישן זיי, דאס איז געווען די ישועה זייערע!

ווער איז געווען דער חכם? שטייט סוף די מעשה, שטייט דארטן אז "**וַיֵּלֶךְ [אֵלָיו] אֲגַג מַעֲדַנֹּת**", זאגט דער רבי דארטן אז דער חכם איז קליפת עמלק.

קומט רבי אברהם ב"ר נחמנ'ס, ער זאגט[מ] אז ס'איז נישט קליפת עמלק [אליין] - נאר פארקערט, דאס איז די "חלושי כח שבישראל" וואס עמלק האט זיי איינגעשלונגען, עד כדי כך אז זיי זענען נהפך למהותו.

אזוי ווי דער שפין שלינגט איין די פליג, זי שלינגט אים איין און זי שמאטשקעט אויס זיין בלוט, ביז די בלוט פון דעם פליג, גייט אריין אין דער שפין. אזוי די 'חלושי כח', די שפין איז עמלק, ער טרינקט די בלוט פון די פליג. און ווער איז די פליג? די חלושי כח שבישראל.

זאגט רבי אברהם ב"ר נחמן, אז ווער איז דער חכם? די "חלושי כח שבישראל", וואס זענען אריין געפאלן נעבאך אין חכמות. עד כדי כך, ער איז אריין געפאלן אין קליפת עמלק אזוי שטארק, אז נהפך למהותו - און מכח די אהבת חברים האט ער אים ארויס גענומען פון דעם.

**זעהט מען וואס די כח פון אהבת חברים!**

דאס איז דאך געווען די זאך דארטן אין שושן, "**לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים**", מ'דארף צאם נעמען כלל ישראל. מ'קען נישט העלפן פאר כלל ישראל - זיי זענען געווען 'מפוזר ומפורד' - נאר דורך דעם וואס מ'האט זיך צוזאם גענומען. מרדכי הצדיק האט צוזאם גענומען כלל ישראל און האט זיי אריין געברענגט אין צעקות צום אויבערשטן[מא].

---

**מ.** ראה חכמה ותבונה סימן י' ו-ז.

**מא.** ראה אוצר היראה פורים כ"ד: וְזֶה שֶׁאָמַר הָמָן: "**יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד**" **וְכוּ', הַיְנוּ שֶׁאָמַר שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם מְפֻזָּרִין וְאֵינָם בְּאַחְדוּת**, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה אִי אֶפְשָׁר לָהֶם לְהַמְשִׁיךְ הַהַמְתָּקָה מִשֵּׂכֶל הַכּוֹלֵל וכו', אַדְּרַבָּא, הוּא רָצָה לְהִתְגָּרוֹת בָּהֶם וּלְהִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם עַל־יְדֵי שֵׂכֶל עֶלְיוֹן

רבי נתן זאגט א מורא'דיגע זאך - אין הלכות פורים זאגט רבי נתן[מב] - אז פון וואו ווערט אלע פירודי לבבות? ווייל א מענטש האט אין זיך פארביטערטקייט! ס'גייט איבער אויף מענטשן, מ'איז פארביטערט איינער אויפן צווייטן, יעדער איינער קען נישט ליידן קיין מענטשן; ער גייט אים אויף די נערוון, ער איז אויף געריגט, ער קען אים נישט ליידן...

האט מרדכי הצדיק גענומען כלל ישראל, און ער האט זיי אריין געברענגט אין תפילה - אז די אלע ביטערקייט זייערע זאל אריינגיין אין תפילה. די גאנצע ביטערקייט וואס זיי האבן, זאל אריין גיין אין תפילה. במילא, אז די ביטערקייט גייט אריין אין תפלה און צעקות, ממילא גייט אוועק די ביטערקייט פון איינער צום אנדערן, איז געווארן צווישן זיי א אהבה צוריק - אזוי זאגט רבי נתן.

ס'איז א דרך! ס'איז א דרך הקדוש! א דרך הקדוש ווי אזוי צו אריין ברענגען אין אונז די ליכטיגקייט! די ליכטיגקייט פון רעבן, די ליכטיגקייט פון מרדכי הצדיק, די ליכטיגקייט פון דרך הצדיקים!

---

שֶׁל הַטֻּמְאָה וְהַסִּטְרָא־אָחֳרָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים לַטֻּמְאָה, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הָעֵץ גָּבֹהַּ חֲמִשִּׁים שֶׁהֵכִין וכו'. **אֲבָל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֵפֵר מַחֲשַׁבְתּוֹ, עַל־יְדֵי גֹּדֶל זְכוּתָם וְצִדְקָתָם שֶׁל מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, עַד שֶׁהִכְנִיסוּ בְּלֵב כָּל יִשְׂרָאֵל לִזְעֹק וְלִצְעֹק אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מְאֹד**, עַד שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה הִמְשִׁיכוּ הַהַמְתָּקָה הָעֶלְיוֹנָה מֵהַשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן הַכּוֹלֵל דִּקְדֻשָּׁה, וְעַל־יְדֵי זֶה תָּלוּ אֶת הָמָן וּבָנָיו עַל הָעֵץ הַנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת הַשִּׂמְחָה שֶׁל פּוּרִים, כִּי כְּשֶׁנִּכְלָלִין יַחַד בַּשֵּׂכֶל הָעֶלְיוֹן הַנַּ"ל, שָׁם עִקַּר הַשִּׂמְחָה, בִּבְחִינַת "אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח" (עפ"י ליקו"ה תענית ד' יט כ כב כג).

**מב.** הלכות פורים ו, ו: וְעִקַּר הַנֵּס שֶׁל פּוּרִים עַל־יְדֵי מָרְדְּכַי עַל־יְדֵי רִבּוּי הַצְּעָקוֹת וּזְעָקוֹת שֶׁצָּעַק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהִכְנִיס גַּם בְּיִשְׂרָאֵל לִזְעֹק וְלִצְעֹק הַרְבֵּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי אֵין שׁוּם עֵצָה נֶגְדָּם כִּי אִם עַל־יְדֵי זֶה, כִּי אֵין כֹּחֵנוּ אֶלָּא בַּפֶּה, **כִּי הֵם מִתְגָּרִים בְּיִשְׂרָאֵל בְּכַמָּה וְכַמָּה בְּחִינוֹת עַד שֶׁרוֹצִים לְהַכְנִיס, חַס וְשָׁלוֹם, כַּעַס וְחֵמָה בֵּין יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָן**, וְעַל־יְדֵי זֶה רוֹצִים לִטְרֹף הַשֶּׁפַע מִיִּשְׂרָאֵל, חַס וְשָׁלוֹם, וּלְהִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן אֵין עֵצָה וְתַחְבּוּלָה כִּי אִם לִצְעֹק הַרְבֵּה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּלְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת חַם לִבִּי בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי תִבְעַר אֵשׁ דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי, שֶׁצְּרִיכִין **לַהֲפֹךְ הַחֲמִימוּת הַבּוֹעֵר בַּלֵּב מֵרִבּוּי הַצָּרוֹת שֶׁרוֹצֶה לְהַכְנִיס כַּעַס, חַס וְשָׁלוֹם, לַהֲפֹךְ הַכֹּל לִתְפִלּוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּצְעָקוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּחֲמִימוּת הַלֵּב**, בִּבְחִינַת חַם לִבִּי וְכוּ' דִּבַּרְתִּי בִּלְשׁוֹנִי כַּנַּ"ל.

און דאס איז אונזער גאולה! ס'דארף אונז ארויס נעמען פון אלע פאליטיק און אלע ביטערקייטן וואס ס'איז דא אויף דער וועלט... די אלע זאכן גייט ארויס דורך דעם וואס מ'הויבט אן שרייען צום אויבערשטן!

## ס'איז א מעשה! ס'איז א לעבעדיגע זאך!

מ'זוכט, מ'זוכט צו זיך האלטן צוזאמען, מ'זוכט צו זיך האלטן צוזאמען אויף צו מקבל זיין דעם רבי'ן אין זיך - א נייע ליכטיגקייט ווערט! עס ווערט א ליכטיגקייט - און דאס איז די גאולה!

קען מען האבן א שטיק **שובבי"ם**, קען מען האבן א שטיק **פורים**, א שטיק **פסח**... האט מען שוין א אנדער **ספירה**, האט מען שוין א אנדער **שבועות**...

ס'איז א אנדער מעשה! ס'איז א מעשה שהיה! ס'איז נישט עפעס סתם מ'מישט אריבער א בלאט אין לוח; אט איז טבת, אט איז שבט, אט איז אדר, אט איז נאך אמאל אדר... **ס'איז נישט מ'מישט בלעטער אין לוח... ס'איז א מעשה! ס'איז א מעשה בפועל ממש!**

יעדער איינער פון אונז איז דא אויף דער וועלט יעצט! ס'חזרט זיך נישט איבער נאכאמאל - רבי אברהם ב"ר נחמן'ס חזר'ט כמה מאלן די זאך[מג] - דער רבי האט געזאגט[מד] אז דער אויבערשטער מאכט נישט צוויי מאל די זעלבע זאך. נישטא אזא זאך 'סתם', איינער איז שוין געווען דא, ער קומט נאך אמאל א גלגול... נישטא אזעלכע זאכן - יעדער איינער וואס איז געווען דא אמאל,

---

**מג.** בהקדמת חכמה ובינה, בשיחות וסיפורים ל"ו, ועוד.

**מד.** ראה שיחות הר"ן נ"ד: **הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵינוֹ עוֹשֶׂה שְׁנֵי פְּעָמִים דָּבָר אֶחָד**, כִּי אֲפִלּוּ גִּלְגּוּלִים אֵין זֹאת הַנְּשָׁמָה נִתְגַּלְגֶּלֶת פַּעַם שְׁנִיָּה כְּמוֹת שֶׁהִיא רַק זֹאת הַנֶּפֶשׁ עִם זֶה הָרוּחַ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כַּיָּדוּעַ. נִמְצָא שֶׁעַכְשָׁו כְּשֶׁזֶּה הַנֶּפֶשׁ מִתְקַבֵּץ עִם רוּחַ אַחֵר וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, שׁוּב אֵין זֶה מַה שֶּׁהָיָה קֹדֶם, כִּי אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה שְׁנֵי פְּעָמִים דָּבָר אֶחָד.

איז ער געווען אויף א אנדער אופן. ס'נישטא קיין צוויי זאכן די זעלבע זאך, א גאנצע צייט איז די וועלט פריש!

אז מיר האבן יעצט דער ווינטער פון תשע"ט, ס'איז נישט וואס ס'איז געווען תשע"ח, ס'איז נישט נאך עפעס א בלעטל אין לוח; נאך אמאל און נאך אמאל און נאך אמאל... ס'איז נישט נאך אמאל פורים און נאך אמאל פסח און נאך אמאל... ס'איז א נייער פורים!

ס'איז א אנדער מעשה אינגאנצן!!!

פאר א יאר ביסטו געווען אין ישיבה קטנה, יעצט ביסטו אין ישיבה גדולה. פאר א יאר האסטו געהאט אנדערע חברים, היינט האסטו נייע חברים. פאר א יאר האסטו געטראגן אנדערע דאגות, יעצט האסטו נייע דאגות. פאר א יאר האסטו געהאט דער דעת וואס דו האסט געהאט פאר א יאר, **היינט האסטו שוין אינגאנצן א אנדער דעת. און אזוי גייט ווייטער און ווייטער, אן א שיעור פרטים.**

ס'איז א מעשה; ס'איז א לעבעדיגע זאך! ס'איז א זאפטיגע מעשה - ס'טוט זיך דא א זאפטיגע מעשה, פול פול מיט טעם וריח די מעשה... ס'איז א לעבעדיגע מציאות!!!

אבער דאס דארף מען אלעס באגלייטן מיט תפילות. מ'דארף אסאך מתפלל זיין, מתפלל זיין און מתפלל זיין... תפלה מאכט לעבעדיג אלעס! אז מ'בעט נישט איז 'זייער שיין, אזוי שטייט... אבער וואס האט עס מיט מיר?!'

ביים רבי'ן לערנט מען אונז, אז אלעס וואס מ'לערנט מיינט מען דו זאלסט בעטן אויף דעם. און טאמער דו זעסט זיך ווייט, זאלסטו מער בעטן! ווייל דאס טאקע מיינט מען: אז דו זאלסט מער בעטן!

און טאמער ביסטו נאך מער ווייט, זאלסטו נאך מער בעטן! ווייל טאקע דאס מיינט מען: אז דו זאלסט נאך מער בעטן!

## טראכט שוין נישט אזוי פיל – רעד צום אויבערשטן!

דאס וויל מען פון דיר! דער 'חידוש' וויל מען פון דיר. דער חידוש; וואס דו זאלסט בעטן פון וואו דו דארפסט בעטן, דו זאלסט שרייען אזוי ווי דו דארפסט שרייען, דו זאלסט בענקען אזוי ווי דו דארפסט בענקען, דו זאלסט זיך דארפן באנייען אזוי ווי דו דארפסט זיך באנייען, זאלסט ארויס גיין פון די אלטקייט אזוי ווי דו דארפסט ארויס גיין פון די אלטקייט... דו זאלסט מחדש זיין א התחדשות.

דאס גופא איז די מעשה! דאס גופא איז די מעשה: דיר ארויס נעמען פון דיין זקנה, דיר ארויס נעמען פון דיין 'ישנות'. ס'איז א לעבעדיגע מעשה! וועגן דעם האט מען דיר געגעבן דעם יאר, וועגן דעם האט מען דיר געגעבן די חודש, וועגן דעם האט מען דיר געגעבן די וואך און דעם טאג... ווענן דעם לעבסטו! דו לעבסט אויף צו אויף לעבן דעם מציאות!

אבער וואס איז די געצייג וואס מ'מאכט עס? אלעס תפילות!

אלעס דארף אריין גיין אין תפלה! וואס ס'קוועטשט דיר, וואס ס'באדערט דיר, וואס דו טראכסט נאר... - גערעדט צום אויבערשטן!

אלעס דארף אריינגיין אין רעדן צום אויבערשטן! איין צינור האבן מיר: דער צינור פון תפילה!

אלעס דארף אריין גיין אין תפילה - אלעס וואס דו טראכסט און וואס דו ווילסט...

זיצט א בחור; ער זיצט און טראכט און חלומ'ט, ער טראכט זיך איבער נאך אמאל, טראכט אהער און טראכט אהין, און טראכט זיך איבער... - וואס טראכסטו אזוי פיל? ס'וועט גארנישט ארויס קומען פון דיין טראכטן... רעד עס צום אויבערשטן!

**"רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר, האסט מיר דאך באשאפן, "יותר ממה שהעגל רוצה לינוק, הפרה רוצה להניק**[מה]**", דו ווילסט מיר דאך געבן, טויזנט מאל מער וויפל איך וויל פון דיר מקבל זיין. געב מיר! געב מיר! איך בעט דיר; העלף מיר איך זאל דיר מער בעטן, דו זאלסט מיר מער קענען געבן..."**.

נאר דאס, נאר מרבה זיין אין תפילה. אין דעם דארף מען זיך מתגבר זיין, מער אריין גיין אין תפילה און מער אריין גיין אין תפילה און מער אריין גיין אין תפילה! דעמאלט'ס ווערט אלעס לעבעדיג. דעמאלט'ס ווערט אלעס פאקטן.

דאס האט דער רבי געקומען אריין נעמען אין די וועלט, דאס איז געקומען דער רבי די מתנה אונז געבן: אז אלעס זאל אריין גיין אין תפלה - מ'זאל ווערן אנשי תפילה! ווערן מענטשן פון בעל תפילה!

זאלן מיר ווערן מענטשן וואס אונזער אומנות, "**אומנות אבותינו**[מו]", נעמען די אומנות אין די הענט, עוסק זיין אין די אומנות.

---

**מה.** ראה ליקו"ה יין נסך ד, י"ט: כִּי ה' יִתְבָּרַךְ טוֹב לַכֹּל, **וְיוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהָעֵגֶל רוֹצֶה לִנֹּק וְכוּ', כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ חָפֵץ חֶסֶד וְרוֹצֶה יוֹתֵר לְהַשְׁפִּיעַ לָנוּ כָּל טוֹב וכו'** רַק שֶׁצְּרִיכִין אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא. **וְהָעִקָּר לִצְעֹק הַרְבֵּה** לַה' יִתְבָּרַךְ וכו', עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר בֶּאֱמֶת הָרַע וכו' שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה יִזְכֶּה לְשִׁבְעִים פָּנִים לַתּוֹרָה וכו'. ובהל' נחלות ד, ח: כָּל מַה שֶּׁאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי מַרְבֶּה בִּתְפִלָּה וּמַמְשִׁיךְ יוֹתֵר שֶׁפַע וְרַב טוּב לְבֵית יִשְׂרָאֵל כֵּן מְחַיֶּה וּמְקַיֵּם כָּל הָעוֹלָמוֹת בְּיוֹתֵר וְנִתְגַּלֶּה גָּדְלוֹ וְטוּבוֹ יוֹתֵר, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר תַּעֲנוּגָיו וְשַׁעֲשׁוּעָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁהָעֵגֶל רוֹצֶה לִינֹק וְכוּ', **כִּי הוּא חָפֵץ חֶסֶד וְרוֹצֶה לְהֵיטִיב תָּמִיד אַךְ אִי אֶפְשָׁר לְהַמְשִׁיךְ הַשֶּׁפַע כִּי אִם עַל יְדֵי תְּפִלַּת יִשְׂרָאֵל**, עַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁיִּשְׂרָאֵל נִתְרַבִּין יוֹתֵר בָּעוֹלָם וּמַמְשִׁיכִים שֶׁפַע יוֹתֵר נִתְמַלֵּא רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ יוֹתֵר, כִּי כָּל חֶפְצוֹ יִתְבָּרַךְ לְהַשְׁפִּיעַ טוֹב לְיִשְׂרָאֵל תָּמִיד **וְזֶה כָּל תַּעֲנוּגָיו וְשַׁעֲשׁוּעָיו** וכו'.

**מו.** ראה מדרש תנחומא (בשלח ט): וַיִּשְׂאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ' וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ. **תָּפְשׂוּ אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵיהֶם**. בְּאַבְרָהָם כְּתִיב: וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָהָם בְּשֵׁם ה' (בראשית יג, ד). בְּיִצְחָק כְּתִיב: וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה (בראשית כד, סג). בְּיַעֲקֹב כְּתִיב: וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם (בראשית כח, יא). אֵין פְּגִיעָה אֶלָּא תְּפִלָּה וכו'. אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב (ישעיה מא, יד). לָמָּה נִמְשְׁלוּ יִשְׂרָאֵל לְתוֹלַעַת? לוֹמַר לְךָ:

"וויפל שיכעלעך האסטו צוגעקלאפט?" - דער רבי זאגט אז שיכעלעך איז תפלה[מז] – "וויפל שיכעלעך האסטו צוגעקלאפט היינט?! וויפל תפילות האסטו צוגעקלאפט היינט? וויפל שיכעלעך מיט דריי עקן האסטו היינט געמאכט? וויפל צופייפטע תפילות איז ארויס פון דיין מויל?"

דאס ווארט מען פון דיר! צוקלאפטע תפילות... צופאטשטע תפילות... - אבער פריי זיך מיט דעם; 'צוקערדיגע, האניגדיגע, שיכעלעך'...

**רעד א גאנצע צייט! רעד צוקלאפטע דיבורים, צופייפטע דיבורים - אבער רעד! בעסער ווי צו רעדן שיינע דיבורים אבער נישט אין תפילה... - רעד!!!**

## פשוט מתפלל זיין!

דער תם האט געהאקט שיכעלעך און ס'איז ארויס געקומען ווי ס'איז ארויס געקומען... אבער ער האט געהאלטן אין איין האקן שיכעלעך, און ער האט עס געהאלטן אין איין קושן און לעקן; "הא! צוקערדיג און האניגדיג".

---

**מַה תּוֹלַעַת הַזֹּה אֵינָהּ מַכָּה אֶת הָאֲרָזִים אֶלָּא בְּפִיהָ, וְהִיא רַכָּה וּמַכָּה אֶת הַקָּשֶׁה, כָּךְ אֵין לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא תְּפִלָּה.**

וראה בליקו"ה הל' שליח לגבות חובו ג,יג: וְעַל כֵּן תָּפַס מָרְדְּכַי בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר **אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵינוּ** לִצְעֹק אֶל ה' הַרְבֵּה זְעָקָה גְּדוֹלָה וּמָרָה וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלּוֹת וּבְתַחֲנוּנִים. ובשילוח הקן ד, ה: אֲבָל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ שֶׁהֵם תּוֹפְסִין **אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵיהֶם** בִּידֵיהֶם וּבְכָל פַּעַם הֵם צוֹעֲקִים אֶל ה' וְעַל יְדֵי זֶה הֵם מַכְנִיעִין בְּכָל פַּעַם פַּרְעֹה וְחֵילוֹתָיו שֶׁהֵם הַסִּטְרָא אָחֳרָא וכו'. (וראה ברוחא דחיי קונטרס י', עמ' י"ג ואילך.)

**מז.** ראה שם בסוף המעשה: "וְאִם הַתְּפִלָּה אֵינָהּ כָּרָאוּי - הוּא מְנֻעָל בִּשְׁלֹשָׁה קְצָווֹת, וְהָבֵן". וראה בליקו"ה פסח ט, כ"ב: וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רָמַז בְּעַצְמוֹ אַחַר שֶׁסִּפֵּר מַעֲשֶׂה זֹאת שֶׁכַּוָּנָתוֹ לְעִנְיַן תְּפִלָּה וַעֲבוֹדַת ה', כְּמוֹ שֶׁמּוּבָא שָׁם בְּסוֹף שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְאִם הַתְּפִלָּה אֵינוֹ כָּרָאוּי הִיא מְנֻעָל בִּשְׁלֹשָׁה קְצָווֹת וְהָבֵן, עַיֵּן שָׁם. הַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְנַהֵג בִּתְמִימוּת גָּדוֹל כְּדַרְכֵי הַתָּם הַנַּ"ל וּצְרִיכִין לְדַקְדֵּק בְּכָל הַמַּעֲשֶׂה לִקַּח לְעַצְמוֹ מוּסָר וְעֵצוֹת מִדִּבְרֵי הַתָּם הַנַּ"ל וְלֵילֵךְ בִּדְרָכָיו וְלִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וְאַל יְבַלְבֵּל אוֹתוֹ הָעוֹלָם כְּלָל וַאֲפִלּוּ חֲבֵרָיו שֶׁזּוֹכִין לִתְפִלָּה וַעֲבוֹדָה הַרְבֵּה יוֹתֵר מִמֶּנּוּ,

און די גאנצע וועלט האט גערעדט פון דעם משוגע'נער... דער וואס האלט אין איין זיך האלטן מיט זיינע שיכעלער. ביז ס'האט גערע'שט די גאנצע שטאט פון אים, ביז ער האט באקומען א נאמען "תם", ביז דער קיסר האט געשיקט רופן נאך אים.

אבער דער חכם, האט נישט געפאסט: 'וואס? סתם?!...' - מ'דארף גיין זוכן א פאך, מ'דארף גיין זוכן, מ'פארט פון **ווארשע** אין **לאגורנע**, פון לאגורנע אין **איטליע**... מ'פארט אין **שפאניע**... מ'פארט, מ'פארט...

מ'פארט און מ'פארט, און מ'קוקט אויס א וועלט. און שפעטער טראכט מען 'נו, מ'דארף עפעס לערנען פאכן' - אבער מ'דארף לערנען א חשובע פאך! איין פאך צו זיין א **גאלד-שמיד** און שפעטער א **שטיין-שניידער**, און שפעטער א **דאקטער** און **לטייניש**. מ'דארף, מ'דארף, מ'דארף, און מ'דארף...

און צום סוף, זאגט ער 'נו, נו, און ווער וועט וויסן פון מיר?' - דארף מען צוריק פארן אין שטעטל. מ'קומט צוריק אין שטעטל און די שטוב איז חרוב ונחרב, און מ'גייט אריין וואוינען ביים תם, און מ'איז מלא יסורים, מיט אלע חכמות שבעולם וואס מען האט...

און אלעס פארוואס??? ווייל ס'פאסט אים נישט; ער דארף עפעס זיין 'חשוב'... חשוב, חשוב, חשוב...

און דער תם, ער דארף נישט זיין "חשוב"... ער נעמט זיך א שוסטעריי, ער נעמט זיך א ווייב, ער האט שוין חתונה, ער ארבעט שוין אין שוסטעריי, ער איז שוין אין די עניינים. וואס איז די שוסטעריי זיינע? תפילה!

וואס איז די תפילה? א שוכאלע מיט דריי עקן, ער איז מתפלל, ער איז שוין אין תפילה!

---

אַף-עַל-פִּי-כֵן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מִזֶּה כְּלָל רַק יִהְיֶה בְּשִׂמְחָה תָּמִיד בְּכָל נְקֻדָּה וּנְקֻדָּה טוֹבָה שֶׁמַּרְוִיחַ בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ אֵיךְ שֶׁהוּא, עַיֵּן שָׁם בְּהַמַּעֲשֶׂה וְתָבִין.

וואס איז זיין תפילה? א פנים האט די תפלה... אבער ער האקט תפילות! ער רוקט זיך!!!

אים שיקט דער קיסר רופן, און ער קומט און ווערט... 'א מיניסטער איבער אלע מיניסטארן' ווערט ער! און דער חכם האלט זיך אין איין טראכטן, 'וואס פאסט מיר צו טאן, וואס פאסט מיר צו טאן און וואס פאסט מיר צו טאן...' - ער רעדט מיט דעם און ער רעדט מיט יענעם, און ער פארט אין די שטאט, און ער פארט אין יענע שטאט, ער פארט און ער טראכט און ער טראכט, און ער טראכט...

**הויב אן מתפלל זיין!**

**הויב אן, פשוט, מתפלל זיין!!!**

וואו איז ער (דער תם) אנגעקומען, און וואו איז ער (דער חכם) אנגעקומען...

פשוט מתפלל זיין! פשוט מתפלל זיין! - -

*

אלעס וואס מ'רעדט, מיינט מען: פשוט מתפלל זיין! פשוט מתפלל זיין; רעדן און רעדן! רעדן צום אויבערשטן!

**"רבונו של עולם, העלף מיר! האסט מיר געגעבן א רעבן, האסט מיר געגעבן א רעבן, א גרויסן רעבן... אזא רבי! אזא רבי! און איך בין אזוי ווייט פון דעם רעבן... אבער האסט מיר דאך געגעבן אזא רעבן... האסט מיר געגעבן אזא גרויסן רעבן...**

**רבונו של עולם העלף מיר איך זאל זוכה זיין, איך זאל זוכה זיין צו מקורב ווערן צו דעם רעבן! האסט מיר געגעבן אזעלכע עצות, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו מקיים זיין די עצות! האסט מיר געגעבן חברים, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו אהבת חברים!**

**האסט מיר געגעבן שובבי"ם, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו אויסנוצן די שובבי"ם! האסט מיר געגעבן א פורים מיט א פסח, העלף מיר איך**

**זאל זוכה זיין צו מקבל זיין דעם פורים און דעם פסח! האסט מיר געגעבן א כח צו מכניע זיין קליפת המן עמלק, האסט מיר געגעבן א כח צו מכניע זיין פרעה - העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו אויס געלייזט ווערן, צו מכניע זיין די אלע קליפות!**

**געב מיר! העלף מיר!!! - - "**

און אפילו מ'ווייסט עס נישט ווי צו רעדן, מ'רעדט האלבע צובראכענע ווערטער... [אבער] וואס מ'רעדט - האט מען גערעדט!

אבער אז מ'שטייט און מ'מאכט חשבונות 'ווען וועל איך; ווען וועל איך קענען עפעס זיין צו די זאך...' - בלייבט מען, בלייבט מען שטעקן מ'האט גארנישט. צום סוף ווערט מען **א פוס גייער**, מ'האט גארנישט; **אן קיין קליידער**, א **'מבוזה שבמבוזה'**... וואס ס'איז געווארן פון אים (דער חכם) צום סוף, ביז ער איז געקומען צום טייוול אין די הענט נעבאך.

דאס ווערט נעבאך פון א מענטש ווען ער גייט מיט זיינע חכמות... וואו פירן אים זיינע חכמות? וואס זוכסטו ביי די חכמות בכלל?! נעם זיך צו תפלה!

לאז אפ די חכמות!

נאך א תפילה און נאך א תפילה... צוקלאפטע תפילות... וועסט אויף טאן מיט דעם! שיינע חכמות, וועט גארנישט ווערן פון דעם. די צוקלאפטע תפילות, פון דעם ווערט!

דאס איז די וועג! דאס איז די מעשה!

שוין. דער אויבערשטער וועט העלפן... איך וויל זייער שטארק, איך קוק אויס און איך בעט דעם אויבערשטן... איך אליין בעט דעם אויבערשטן איך זאל זוכה זיין צו זעהן מיט די אויגן - ס'זאל זיין אהבת חברים!

ס'איז אנדערע ווערטער אינגאנצן! ס'איז א אנדער מעשה! ס'וועט זיין אהבת חברים אזוי קען מען מקבל זיין פון רבי'ן ווי עס דארף צו זיין... דער אויבערשטער זאל העלפן, דער זכות פון רבי'ן זאל אונז ליכטיג מאכן אין אלע ענינים.


חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' יואל דייטש שליט"א
לרגל הולדת הנכדות למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שמואל פראנק שליט"א
לרגל הולדת בנו חיים מנחם מנדל למז"ט
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שמעון בר"נ אנשין שליט"א
לרגל שמחת הבר מצוה
לבנו נחמן ני"ו
ובזכות מצוות זיכוי הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
ממנו ומכיוצ"ח

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
לזכות
החתן יואל צבי יעקב בן ברכה
והכלה פרומט בת מלכה
בזכות זה יזכוי לבנות בית נאמן
בישראל

בסייעתא דשמיא

# עִקַּר הָרוּחַ חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק

עשרות קוראים מקבלים חיות חדשה בעבודת ה' בדרכו של רביה"ק, בקונטרסי "רוחא דחיי" היוצאים לאור מדי שבועיים, משיעורי הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל




חסיד ברסלב!

# קח שותפות קבועה בעסק קדוש זה!

ויהיה לך חלק בזיכוי הרבים הגדול בהארת דעתו של רביה"ק בעולם

**לתרומות:** נדרים פלוס/ נדרים פון **מספר קרן 6491 או** בקו רוחא דחיי **023024743 שלוחה 1<9**